№ 51 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

[illegible]

Piątek 20 grudnia 1935 — ליכט-צינדען 3,07 — פרייטאג, פ' וישב כ"ד כסלו תרצ"ו

די לייטונג און דער עלטערן - קאמיטעט פון דער פאוושעכנע שולע נר. 15 אויף נאַרוטאוויטשא 19-23 דריקען אויס דעם הערצליכסטען דאנק דעם ה' **נאטאן ראטשטיין,** אייגענטימער פון דער קלעיארניע, פאר דער שפענדונג פון 97.50 זל. אויף שיך פאר די ארימסטע קינדער פון אונזער שולע.

דער לייטער און עלטערן=קאמיטעט.

Poszukuje się

energiczne Panie do sprzedaży po domach artykułu codziennego użytku. Zgłoszenia do adm. pod „Wielki Zysk".

Z intencji zaślubin p. ZOFJI MIC z p. WOLFEM GLIKSMANEM szczęścia i pomyślności, a Rodzicom wiele pociechy życzą

S. MITLEROWIE.

Z intencji zaślubin p. ZOFJI MIC z p. WOLFEM GLIKSMANEM życzą wiele szczęścia i zadowolenia

S. Gelbhauerowie.

Z intencji zaślubin p. ZOFJI MIC z p. WOLFEM GLIKSMANEM życzy wiele radości w życiu

Rozencwajg Helena

אונזער פריינד **זלמן גרינבוים** צו זיין תנאים מיט פרל. **רעגינא מיענטקעוויטש**
דעם הארציגסטען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען
דוד קאכמאן און פרוי.

אונזער קאלעגע **אהרן זעלקאוויטש** און **פרוי** צום געבורט פון זייער **טעכטערל**
פיעל גליק און א גרינגע ערציהונג ווינשען
שמואל שאיא און פרוי, אהרן קושעפיצקי און פרוי, צבי שאיא

אונזערע פריינד **העלא** און **מאריץ הירשבערג** פון טשענסטאכאו
ווינשען מיר פיעל גליק צום געבורטס-טאג פון זייער **זוהנדעלע**
טשארני און פייטיל כמורא, וויעלון.

צו דער פערלאבונג פון פרל. **קאראלא מארקוס** מיט ה' **נאטאן זילבערבערג**
ווינשען פיעל גליק
לייבוש יאקובאוויטש און פרוי, יעקב ראזענבלום און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער ג' קונדע **ארון שווידער** מיט פרל. **פייגע לעווקאוויטש**
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
חיים אלתר באראקס און פרוי, פריזיר-אנשטאלט, וויעלון.

השתתפותנו החמה לסגן יושב - ראש של מועצת הקהלה העברית דפה,
מר **אנשל ורשבסקי**
בצערו העמוק למות בנו
אהרן נ"ע
בעבודתו הצבורית ינחם.
ועד ומועצת הקהלה העברית בצ'נסטוכובה.

Członkowi Rady Nadzorczej
P. ANSZLOWI WARSZAWSKIEMU
spowodu zgonu syna Jego
b. p. ARONA
składają wyrazy szczerego współczucia
Rada Nadzorcza i Zarząd
Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców
w Częstochowie

השתתפותנו החמה מובעת בזה **למשפחת ורשבסקי**
למות עליהם בנם ואחיהם
אהרן נ"ע
בתוך שאר אבלי ציון ינחמו
יעקב לוויט ורעיתו.

מעומק הלב אני לוקח חבל בצערם ויגונם הכבד של ידידי הנכבד
מ' **אנשל ווארשבסקי**
ומשפחתו על הלקח מאתם באביב ימיו בנם ואחיהם
אהרן נ"ע
מהשוכן בציון ינחמו, ולא יוסיפו לדאבה עוד.
ישראל פלוצקר ומשפחתו.

אהרן יוסטמן — שרה מאירנץ

באו בברית הנשואין
צ'נסטוכובה — בחודש כסלו תרצ"ו. — וילון

ברכת מז"ט לבבית למנהיגנו ועסקננו הנאהב לוחם בלי הרף בעד שווי זכיות הפועל החרדי חברנו **אהרן יוסטמן** נ"י לנשואיו. יזכה למשוך הלאה עבודתו הפורי' בעד רעיוננו הקדוש ולראות בהתגשמותו מתוך נחת והרחבה
הועד והסתדרות „פועלי אגודת ישראל" בצ'נסטוכובה.

די הארציגסטע מזל-טוב-וואונשען אונזער חשוב'ן איבערגעגעבענעם פיהרער ח' **אהרן יוסטמאן** צו זיין חתונה.
יוגענד-גרופע ביי פא"י אין טשענסטאכאוו.

ברכת מז"ט חמה נלבבית לידידי כמר **אהרן** נ"י **יוסטמן** לנשואיו
תהי דרכו בחיים צלחה.
מנחם לובארט.

מז"ט אונזער חשוב'ן גרינדער און סעקרעטאר ח' **אהרן יוסטמאן** צו זיין חתונה
זאל זיין צוקונפט זיין גליקליך
געגענזייטיגע הילפס-קאסע ביי פא"י אין טשענסטאכאוו.

ברכות מאליפות לאהובנו וחברנו **אהרן יוסטמן** לנשואיו
שמחה בינם רבינוביץ, פישל זלצברג.

סל מלא ברכות ובתוכם ברכת מז"ט לחברנו הנכבד והנעלה כמר **אהרן** נ"י **יוסטמן**
לרגלי בואו בברית הנשואין. יהי עתידו מאושר
מאיר וועקסלער, לייבל זשעלאנקי,
לייבל ליפשיץ ואלי' מילשטיין.

ברכת מז"ט חמה לבבית לידידינו היקר מר **אהרן** נ"י **יוסטמן** לנשואיו
תהי דרכו בחיים צלחה, והשוכן בשמים, יזריח מזלם כשמש בצהרים.
יהודה ליב קאלמערסקי, משה קליימן.

אשמר לך ידידי יקירי את ברכותנו לרגלי נשואיך
יה"ר שתורה וגדולה יתאחדו על שלחנך עד עולם.
משה מאשקאוויץ ומשפחתו

MANIA RUBINSZTAJN
SZAJA JELEŃ
ZAŚLUBIENI
Radomsko — w grudniu 1935 — Częstochowa

צו דער חתונה פון אונזער ליעבען זוהן
ישעי' יעלען מיט פרל. **מאניא רובינשטיין**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
עלטערן און ברידער.

מיין פריינד **ישעיהו יעלען**
די הארציגסטע ברכות אויף זיין נייעם לעבענס-וועג.
ישראל קויפמאן.

צו דער חתונה פון מיין פריינד
ישעיהו יעלען מיט פרל. **מאניא רובינשטיין**
אויף זייער נייעם לעבענס-וועג מיינע הארציגסטע וואונשען.
מ. סולקאווסקי.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **ישעיהו יעלען** מיט פרל. **מאניא רובינשטיין**
דעם הארציגסטען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
משה הערשליקאוויטש און איזאק פראנק.

Z intencji zaślubin kolegi naszego SZ. JELENIA z p. MANIĄ RUBINSZTAJN życzymy wiele szczęścia

Wł. Najmark, Zygmunt Najmark, Wł. Szpigielman.

פריינד **ישעיהו!**
צו דיין חתונה מיט פרל. **מאניא רובינשטיין** מיין הארציגען מזל-טוב.
אברהם פרידמאן.

צו דער פערלאבונג פון פרל. **באשע בערלינער** מיט ה' **א. צעלניק**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
פאמיליע רודניצקי.

Przejęty doszłą do mnie wiadomością o zgonie

b. p. **MAURYCOWEJ PRUSICKIEJ**

Matki Pana Dyrektora Banku Przemysłowców i Kupców ST. PRUSICKIEGO składam wyrazy szczerego współczucia

IZRAEL JANIAK, Tel-Awiw.

נ"ע אברהם אבע גאטיינער

איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 67 יאהר.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה, וואס איז פארגעקומען דאנערשטאג, דעם 19 גרודזיען 1935 (כ"ג לחודש כסלו תרצ"ו) דריקען אויס דעם איניגסטען דאנק

טעכטער, זיהן, איידעמס, אייניקלעך און פאמיליע

„גמילת חסד" קאסע אגראדאווע 6

שבת, דעם **28-טען** ד. ה. **(זאת חנוכה)** קומט פאר
אין **זאל** פון **„מכבי"** קאטעדראלנע 13

א גראנדיעזער קאנצערט

מיט'ן אנטייל פון בעוואוסטען אבער-קאנטאר ה' **אליעזר פינקעלשטיין,**
וועלכער וועט אויספיהרען פאלגענדען פראגראם.

1) דער נר תמיד פון ראסקין (פאלקסליד. 2) אתה יצרת פון יאקאווקי'ן. 3) שומר ישראל פון י. ראזענבלאט. 4) אל ישראל (פאלקסליד). 5) אמר רבי אלעזר פון אליעזר פינקעלשטיין. 6) פרנסה, פון א פינקעלשטיין פאלקסליד. 7) עד של נוצרתי חסידיש. 8) דער אלטער חזן פאלקסליד. 9) אני מאמין פאלקסליד. 10) אדם יסודו מעפר, פאלקסליד. 11) וואוהין, פאלקסליד און 12) דאס יודישע ליעד, פאלקסליד.

בילעטען פריהער צו בעקומען ביי ה' יוסף זיידמאן קאטעדראלנא 15 און אין דער דרוקערייי פון ה' באטשאן אלעע 6 און אין טאג פון קאנצערט פון 5 א זייגער ביי דער קאסע.

ביים קלאוויר ה' שמולעוויטש.

Szkoła tańców
baletm. Kosteckiego
ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnyc . Ostatnie nowości.

אכטונג: יעדען **שבת** קומט פאר א פראקטישע לעקציע פאריודישע געזעלשאפט. אנהויב 8 אוו. 1-קלאסיגע מוזיק

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.

10 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ — **40** גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אל... קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) **פארבען לעדערנע קורטקעס**
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

„בית לחם" וויעלון
מארגען, שבת, ד. 21 ד. ח. פונקטל. 8 אוונד ווערט דורך די בעסטע פעראייניגטע אמאטארען-קרעפטען אויפגעפיהרט די פאפולערע פרעהליכע אפערעטע מיט 16 נומערן געזאנג, טענץ, 3 אקטען
„די רומענישע חתונה".
שענסטע קאסטיומען. עפעקטפולע דעקאראציעס. בעסטער ארקעסטער

צו דער עפענטליכקייט.

אלע מיינע ג. קונדען איז בעקאנט די באציהונג פון מיין „ברודער" גאדעל באראקס צו מיר און איך פערהאף, אז זיי וועלען נישט לעגען קיין אכט אויף זיינע רכילות געגען מיר.

חיים אלתר באראקס, רעזורע, וויעלון

פוטערס
אמביליגסטען
אין דער פירמא
MICHAŁ AJDELMAN
Częstochowa Piłsudskiego 7
טעל. 13-05, 1-טער שטאק, פראנט.

הנרות הללו

(חנוכה געדאַנקען)

העכער צוויי טויזענד יאהר צינדען מיר אָן יעדען חנוכה די אַכט ליכטלעך אַלס צייכען פון די נסים, וואָס זענען געשעהן בעת די פיינד זענען אָנגעפאַלען אויף די יודען, די מינדערהייט האָט דאמאלס געזיגט איבער דער מערהייט און אלס נס צינדען מיר אָן די דאָזיגע ליכטלעך.

די ליכטלעך האָבען אויך אַ סימבאָלישע בעדייטונג, אַז אין משך פון לאנגיעהריגען גלות האָבען פיעל פיינד אונז געוואָלט פערטיליגען, אויסלעשען דאָס ליכטעל, דאָס פייער, וואס ברענט טיעף אין דער נשמה פון דער אומה, און נישט קוקענדיג אויף די פערפאָלגונגען, פייניגונגען און אויטא-דא-פע׳ס, האָבען זיי פונדעסטוועגען נישט געקאנט אונז אומברענגען. דאס דאָזיגע קליינע ליכטעל, דאס שוואכע פלעמעלע, האט אויסגעהאַלטען אַלע שטורמען, האט זיך פונאנדערגעפלאקערט אין א גרויס העליש פייער, וואס בעלייכט אונזער חושכ׳דיגען גלות און פיהרט אונז אין א נייעם ליכטיגען וועג.

אין די לעצטע יאָהרען האט דאס „דריטע רייך" אָנגעהויבען אַן׳אויסראָטונגס-אקציע געגען דעם עם הנצחי און ארויסגעגעבען די נירענבערגער געזעצען, וואס האבען די איינציגע אויפגאבע אונז צו פערטיליגען, אויסצולעשען דאס שוואכע ליכטעל. זיי האבען אָבער אַ גרויסען טעות, מיר האבען אין משך פון דעם לאנגען שווערען גלות אויסגעהאלטען גרעסערע שטורעמס, וועלען מיר אויך דעם יעצטיגען שטורם איבערלעבען.

הנרות הללו.

אָט אין די דאָזיגע שוואכע ליכטלעך, וועלכע אונזערע שונאים רעכענען מיט איין בלאָז אויסצולעשען, ליגט א גרויסער כח, וואס איז נישט אָבצושאַצען און נישט צו פערשטעהן. הונדערטער פעלקער זענען אונטערגעגאנגען, און מיר, דאס קליינע שוואכע פאָלק, לעבט און וועט אייביג לעבען.

הנרות הללו.

ווען דו יוד צינדסט אָן די דאָזיגע ליכטלעך, דערמאָן דיך, אז אלע מאָל ווען דער שונא האט אונז געוואָלט פערניכטען, האט זיך דאס יודישע פאָלק צונויפגענומען און מיט פעראייניגטע כחות אָבגעשטויסען די אטאַקעס. אויך היינט זענען מיר אין דער זעלבער לאַגע, אויך יעצט ווערען מיר פערפאָלגט פון א בייזען שונא, זאָלען דעריבער די דאָזיגע ליכטלעך אונז דערמאנען, אז מיר דאַרפען ווידער פעראייניגען אַלע אונזערע כחות, כדי דעם שונא׳ס אַנגריף אָבצושטויסען, און דאס וועט זיין די גאַראַנטיע, אז מיר וועלען ווידער אַרויס געשטאַרקט און בלייבען דאס אייביגע פאָלק-דער עם הנצחי.

הנרות הללו. ש. פ.

זאב זשאַבאָטינסקי.

צוויי מינים נאַציאָנאַלער קאַפיטאַל.

(ספּעציעל פאַר דער „טשענסטאכאווער צייטונג".

אינ׳ם גרונד פון אַלע פּלענער, וואס זענען פערבינדען מיט׳ן „קרן תל-חי" ליגט אַ בעשטימטע קאָנצעפּציע. אַמאָל האט זי הערצל פאָרמולירט אַזוי: בעדינגונגען שאַפען נישט דינגע". מיט דעם האט ער געוואלט זאגען: „דינגע" ד. ה. שטעדט, דערפער, פאַבריקען, קראָמען — דאס וועט שאפען די פריוואַט-איניציאַטיוו, וועלכע איז ענדלאָז רייכער און ענדלאָז שטארקער ווי די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע. די אויפגאבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז בלויז צו שאפען אַזעלכע אינסטיטוציעס, וועלכע זאלען קענען ריכטען די דאָזיגע פּריוואַט-איניציאַטיוו, אָבריינגען פאַר איהר דעם וועג, איהר אַרויסצוהעלפען בעת שוועריגקייטען אָדער טעותים.

אַרויסגעהענדיג אַלוא פון אָט דער דאזיגער קאָנצעפּציע האט דער רעוויזיאָניזם אַרויסגערוקט אַזעלכע „בעדינגונגען" ווי די שאַפונג פון אַ קרעדיט-גאַראַנטיע-פאָנד, גאולת המים, תוצרת הארץ לגולה; דאס זענען אַלץ געדאַנקען, וועלכע בעצוועקען צו עפענען נייע, ברייטערע און זיכערע וועגען פאַר דער אַנווענדונג פון פּריוואַטער איניציאַטיוו פון פּריוואַטען קאַפּיטאַל: אָבער צו פערווירקליכען די דאָזיגע „בעדינגונגען" איז די פּריוואַט-איניציאַטיוו אַליין נישט בכח; דאָ איז נויטיג די הילף פון נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל.

אין דער זעלבער צייט האט דער רעוויזיאָניזם אַרויסגערוקט אויפ׳ן ריין-סאָציאַלען געביט נאך איין „בעדינג": אָוועקצושטעלען די גאַנצע קאָלאָניזאַציע-ווירטשאַפט אויף דער אידעע פון אַ פּערמאַנענטען און בעוואוסטזיניגען קאָמפּראָמיס צווישען דריי פאַקטאָרען: די אַרבייטער-אינטערעסען, די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל און די אינטערעסען פון קאָלאָניזאַציע. צוליעב דעם איז קודם-כל נויטיג אַ נייער טיפּ אַרבייטער — דער טיפּ, וועמענס אידעע ס׳איז פערקערפּערט אין דער „הסתדרות עובדים לאומית". דעם דאָזיגען „עובד לאום" דאַרף מען בעפעסטיגען. מ׳דאַרף איהם געבען הילפס-אינסטיטוציעס: פאַר דעם אַלעמען איז ווידעראַמאָל נויטיג דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל. פאַר אונז זענען אַזוי אַרום פערהאַן צוויי מינים „בעדינגונגען": א) גרויסע אונטערנעמונגען פון האַלב-מלוכה׳שען און האַלב-קאָמערציעלען כאַראַקטער; ב) טאָג-טעגליכע הילף דעם פּיאָנער.

ענטשפּרעכענד דער דאָזיגער קוואַליפיקאַציע פון אויפגאַבען טאָדערן זיך אויך צוויי מינים „נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל". פאַר דער ערשטער אויפגאַבע — אַ נאַציאָנאַלע הלואה און פאַר דער צווייטער — „קרן תל-חי".

די דאָזיגע פערטיילונג פון די פונקציעס איז געמאַכט געוואָרען נישט מיטאַמאָל. דער „קרן תל-חי". וואס איז אורשפּרינגליך געווען בלויז אַ פאָנד צו אונטערשטיצען און ענטוויקלען דעם וועהר-ספּאָרט האט פאַמעליך פערברייטערט זיין פּראָגראַם און אַ געוויסע צייט האט זיך אויסגעדאַכט, אַז צווישען זיינע אויפגאַבען וועט מען דאַרפען איינשליסען ביידע קאַטעגאָריעס „בעדינגונגען". אָבער מיט דער צייט, אַלס רעזולטאט פון נאַכטראַכטען פון קאָנטראָלירען אונזערע פּלענער און פון בעריהרונג מיט דער ווירקליכקייט איז קלאָר געוואָרען, אַז פאַר דער ערשטער קאַטעגאָריע — פאַר אונטערנעהמונגען פון אַזאַ מין פערנעהם ווי „קרעדיט-גאַראַנטיע-פאָנד" און „גאולת המים", איז אויך נויטיג אַן׳אַנדער מאַסשטאַב פאַר מיטלען-זאַמלונג. אַזוי אַרום איז בעת׳ן גרינדונגס-קאָנגרעס פון נ. צ. אָ. אַרויפגעשוואומען די אידעע פון דער נאַציאָנאַלער הלואה; און איבערלאָזענדיג פאַר זיך אַלע סכעמען פון דער „ערשטער קאַטעגאָריע", האט דער מלוה לאומי ענדליך געגעבען דעם „קרן תל-חי" די מעגליכקייט קלאָר און פונקטליך אָבצוגרעניצען זיינע ספּעציפישע אויפגאַבען.

אייגענטליך איז עס איין אויפגאַבע. פון אַלע „בעדינגונגען" איז די עיקר׳דיגע — דער מענש. דעם פּיאָנער דאַרף מען דערציהען, בעקליידען, בעשיצען פון רעגען, פון אונגערעטעניש און פון שונא, אַלצדינג, וואס איז אַריין אין פּראָגראַם פון יעצטיגען חנוכה-דרייוו. אַלצדינג (מיט איין אויסנאַהם) דיענט דוקא דעם דאָזיגען ציעל: אַ הויז פאַר׳ן „עובד לאום" — אַ נייע הכשרה, וועהר ספּאָרט. ים-שול, קראַנקען-קאַסע פאַר׳ן נאַציאָנאַלען אַרבייטער, פּלוגות-גיוס וכו׳...

די אויסנאַהמען, וואס איך האב אָקאָרשט דערמאָנט — איז אַ „פאָרבעדינג" פאַר דער „בעדינגונג" נומער 1— פאַר נאַציאָנאַלער הלואה, דער וויענער קאָנגרעס פון נ. צ. אָ. האט איבערגעגעבען דער לייטונג פון קת"ח די אויפגאַבע צו נעמען אויף זיך (פערשטעהט זיך אונטער דער אָנפיהרונג פון נ. צ. אָ. נשיאות און מיט דער מיטהילף פון גאַנצען נ. צ. אָ. אַפּאַראַט) דורכצופיהרען אין לעבען די שווערע אָפּעראַציע פון אַ נאַציאָנאַלער הלואה, וואס האט נישט כמעט קיין שום אנאלאָגישען פּרעצעדענס. דערויף דאַרף מען האָבען געלד. און די חנוכה-אַקציע תרצ"ו וועט דאס דאָזיגע געלד דאַרפען פערשאַפען.

RÓŻA KASRIELÓWNA **Dr. KAROL CYMERMAN**

zaręczeni

Wieluń w grudniu 1935. Częstochowa

Naszemu kuzynowi D-rowi KAROLOWI CYMERMANOWI
z intencji zaręczyn z p. RÓŻĄ KASRIELÓWNĄ
życzymy wiele szczęścia i pomyślności
Fabjan Elkan z Żoną, Moryc Lemel z Żoną.

P. Rózi Kasrielównie z okazji jej zaręczyn z p. D-r Karolem Cymermanem, życzą wiele szczęścia i zadowolenia
S. Sendrowiczowie.

Naszemu kuzynowi D-rowi Karolowi Cymermanowi z intencji zaręczyn z p. Różą Kasrielówną, życzą wiele szczęścia
Kopel Elkan z Żoną

Naszemu kuzynowi i siostrzeńcowi D-rowi KAROLOWI CYMERMANOWI z okazji zaręczyn z p. RÓŻĄ KASRIELÓWNĄ życzą wiele szczęścia i promiennej przyszłości.
Chaskiel Dawidowicz z Żoną, Dawid Szaja z Żoną.

אונזער קוזין און שוועסטערן-זוהן **ד"ר קאַראָל צימערמאַן**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **רוזשקאַ קאַסריעל**
פיעל גליק און א הערליכע צוקונפט ווינשען
קאַראָלאַ און יעקב שאַיאַ, הירשל דאַווידאָוויטש.

Serdeczne „Mazeltow" członkini naszego Zarządu p-nie Różce Kasriel z intencji zaręczyn z p. Dr. K. Cymermanem, życzy
„WIZO" Wieluń.

מזל-טוב אונזערע פריינד קלמן קאַסריעל און פרוי
צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **רייזיל** מיט ה׳ **ד"ר צימערמאַן**
הירשל שטערנבערג און פרוי, העניך שטערנבערג און פרוי.

אונזערע קוזינקעס קלמן און מרים קאַסריעל צו די תנאים פון זייער טאָכטער **רייזיל** מיט ה׳ **ד"ר קאַראָל צימערמאַן** פיעל גליק און צופרידענהייט ווינשען
אהרן ליב אַראָנאָוויטש און פרוי, מיכאל אַרענבאַך און פרוי.

בברכת מזל-טוב ורוב נחת הננו מברכים את משפחת קאַסריעל לרגלי בואה בברית האירוסין של בתם **רייזיל** עם **ד"ר ק. צימרמן**
עוזר אובערבוים ורעיתו, יעקב ראָזענבלום ורעיתו.

אונזערע פריינד קלמן קאַסריעל און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **רוזשקאַ** מיט **ד"ר קאַראָל צימערמאַן** פיעל נחת און פרייד ווינשען
ברוך יעקב זעלקאָוויטש און פרוי,
שושנה און חיה זעלקאָוויטש.

אַ הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת אונזערע פריינד קלמן קאַסריעל און פרוי
צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **רוזשקאַ** מיט **ד"ר צימערמאַן**
משה פערעצאָוויטש, פרוי און זוהן.

דער פאַמיליע קאַסריעל אַ הערצליכען מזל-טוב צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער
רייזיל מיט ה׳ **ד"ר ק. צימערמאַן**
ווינשען **חיים בער ניימאַן און פרוי.**

אַ הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער ברודער און שוועגערין קלמן קאַסריעל און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **רוזשקאַ** מיט **דר. צימערמאַן**
יודל קאַסריעל און פרוי.

צו דער פערלבונג פון פרל. **ר. קאַסריעל** מיט **ד"ר ק. צימערמאַן**
ווינשען פיעל גליק און א הערליכע צוקונפט.
משה יודקעוויטש און פרוי.

דער פאַמיליע קאַסריעל צו די תנאים פון זייער טאָכטער **רוזשקאַ** מיט **ד"ר ק. צימערמאַן**
ווינשען פיעל גליק און נחת
לייב סענדעראָוויטש און פאַמיליע, גאָדעל סענדעראָוויטש און פאַמיליע.

דעם ה׳ קלמן קאַסריעל און פרוי צו די תנאים פון זייער טאָכטער **רייזיל**
מיט ה׳ **ד"ר ק. צימערמאַן** ווינשען פיעל גליק און א סך נחת
דניאל יאַבלאָנסקי און פרוי, הירשל ברום.

אונזערע פריינד קלמן קאַסריעל און פרוי
צו די תנאים פון זייער טאָכטער **רוזשקאַ** מיט ה׳ **ד"ר קאַראָל צימערמאַן**
ווינשען פיעל גליק און נחת
איכל לאַנדוי און פרוי, פאַמיליע הערשבערג.

יחיאל טשענסטאָכאָווער

די פערשטערטע „אַקעי"

(אַ חנוכה-מעשה)

געשעהען איז עס די ערשטע נאַכט חנוכה מיט 35 יאהר צוריק.

געזעסען זענען מיר, זעקס בית-המדרש בחורים—אבא ר׳ בעריש׳ס, בעריל גיטל-אסתרל׳ס, יוסף יודע, שמעון ר׳ משה׳ס, דער סלופּצער" און דער שרייבער פון די שורות—אין דער וואוינונג פון א היגען אָנגעזעהענעם בעל-בית און עוסק געווען ביי אַן „אַקע".

ווי נאָר מיר האבען זיך געזעצט צום טיש, איז אריינגעקומען דער בית-המדרש-שמש איטשע „גרזשעגאָרז" מיט א לאָמטערן אין דער האַנד, אָבגעזונגען א „מעוז צור ישועתי", וואס ער האט אליין פערפאַסט לכבוד חנוכה, בעקומען זיין נדבה און ווייטער געגאַנגען. נאָך איהם האט אונז בעזוכט דער היגער שטאדט-משוגע׳נער נתל׳ע, ארויסגעכאַפּט א חומש פון דער שאַנק, מעביר סדרה געווען בקול-רם, אויסגערופען א גילדען, א גילדען, און בעקומענדיג א מטבע, זיך אָבגעזעגענט און ארויס. און אזוי כסדר זענען אריין און ארויס גבאים פון חברות, מלמדים און סתם אָרימעלייט, זיי האבען געזינגען אָדער געווינשען, און צעפרידענע פון די נדבות, אונז פערלאָזט.

דער לעצטער איז געווען דער גבאי פון „בקור חולים" איטשע „פאָרפער", וועלכער איז אריינגעקומען מיט א ברייטען גוטען-אָווענד, זיך נישט געאיילט און געבעטען א שטוהל זיך אַביסעל אָבצורוהען.

איטשע פאָרפער איז געווען א פשוט׳ער יוד, א בעל מלאכה, נישט געוואוסט וואס דאס איז פּאָליטיק, דאָך אָבער האט ער זיך כל ימיו אבגעגעבען מיט כלל-אַרבייט. עס איז נישט געווען אין אונזער שטאדט כמעט קיין קראַנקער, וועמען איטשע זאָל נישט האבען געקומען צו-הילף. די אָרימע האט ער פערשאַפט דאָקטוירים, מעדיצינען, משמורים, פּראָדוקטען א. א. וו., דאָגעגען די רייכע האט ער יעדען שבת מבקר חולה געווען, זיי געגעבען עצות, פערשאַפט מעדיצינען, וועלכע מ׳האט נישט געקענט אין אונזער [illegible]אדט בעקומען א. ד. גל. אויב א [illegible] יוד איז קראַנק געוואָרען אין מיטען דער נאַכט האט מען נישט באַלד געלאָפען א דאָקטאָר, נאָר קודם-כל זיך געוואָנדען צו איטשע פאָרפער, וועלכער האט שוין פערשאַפט אַלעס וואס ס׳איז נויטיג געווען. א חוץ פאַר קראַנקע האט ער אויך געזאָרגט פאַר סתם אָרימע-לייט, יעדער הונגעריגער האט אָבגעקלאָפּט די שוועלען ביי „פאָרפער׳ן" און ער האט שוין געשאַפען ברויט, קאַרטאָפעל און קויהלען. אזוי האט ער זיך געפיהרט דאס גאנצע לעבען.

טראַצדעם, וואס איטשע פאָרפער׳ס אָנוועזענהייט האט אונז געשטערט אין אונזער קאָרטען-שפּיעל, ווייל מיר האָבען זיך געפיהלט נישט-פריי, דאָך אָבער האבען מיר איהם מיט כבוד אָקעגען געטראגען א שטוהל און געבעטען זיצען ביי אונזער טיש, אַכטענדיג זיין איבערגעגעבענע אַרבייט לטובת הכלל.

דאס קאָרטען-שפּיעלען איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין גאַנג; מיר האבען זיך געהיצט, געוואָרפען זילבערנע מטבעות אין טעלער און גאָר פערגעסען, אַז ביים טיש זיצט א פרעמדער, וואס געהער נישט צו אונזער קאָמפּאַניע.

בעת מיר האבען געהאַלטען אין מיטען שפּילען א „טיאַמקע", ווען אַלע פיער קאָרטען זענען פערדעקט און קיינער פון די שפּילער קען נישט האבען קיין שום אָהנונג, וואס זיין געגנער האט, האט זיך אונזער קאַמף זעהר צופלאַקערט; יעדער שפּילער איז געווען זיכער, אַז ער איז דער שטאַרקסטער און האט איבערגעשלאָגען מיט געלד דעם צווייטען. עס זענען געפאַלען אין טעלער גאנצע און האַלבע זילבערנע רובעלס, נישט געמענדיג קיין רעשט, ווייל יעדער האט זיך געטראַכט: נאך וואס זאָל איך נעמען רעשט, אז גאָר בקרוב וועט דאס גאַנצע געלד זיין מיין...

סוף כל סוף האט זיך דער קאַמף געענדיגט און ס׳איז געקומען די צייט, ווען יעדער האט זיך געמוזט מתודה זיין וואס פאַר א קאַרט ער האט. דאָ האט זיך אָבער אָנגעהויבען א פּריש אַמפּערניש, ווייל יעדער האט זיך געשראָקען אויסצוזאָגען דער ערשטער, וואס ער האט, און געשטעלט די פראַגע: „וואס האָסטו", „וואס האָסטו?" אזוי האט זיך דאס איבערגע׳חזר׳ט מעהרערע מאָל.

דאמאלס האט זיך אויפגעכאַפּט איטשע פאָרפער און זיך אונטערגענומען דעם קאָנפליקט צו ערלעדיגען. ער האט אריינגעקוקט ביי אַלע שפּילער אין די קאָרטען און אַרויסגעטראָגען א פּסק: אבא ר׳ בעריש׳ס האט דריי מלאכים, „דער סלופּצער" דריי טייז, יחיאל טשענסטאכאווער 29-שעל, שמעון ר׳ משה׳ס—31-אייכעל, בעריל-גיטעל אסתר׳ל׳ס—41-גרין און איך איטשע פאָרפער האָב 150 אָרימעלייט... הייסט דאס, אז איך האָב מעהר פון אייך אַלע און דעריבער געווינען דעם „קוהן"... און נישט מאַכענדיג קיין לאַנגע שהיות, האט ער א נעם געגעבען דאס טעלער׳ל מיט׳ן געלד פון טיש און אַריינגעשיט אין זיין טאַש.

די ערשטע מינוט זענען מיר צומישט געוואָרען און נישט בעגריפען וואס דא קומט פאָר. ווען מיר זענען אָבער געקומען צו זיך און געזעהען, אז דאס ציגעלע איז אין וואָלפ׳ס מויל און ס׳וועט שוין נישט מעגליך זיין עס אַרויסצורייסען, האבען מיר זיך געבעטען:—ר׳ איטשע, ניעט כאָטש צוריק די רעשט, וואס ס׳קומט אונז פון קוהן, מ׳וועט דאָך אפילו נישט האבען מיט וואס ווייטער צו שפּיעלען. פאָרפער אָבער, וועלכער איז שוין געווען ביי דער טהיר, האט זיך צו אונז אומגעדרעהט, שמייכעלט און אויסגערופען: געהט בעסער קינדערלעך שלאָפען, איהר זאָלט מאָרגען קענען פריה אויפשטעהען צום לערנען, דערלעבט איבער א יאהר און שפּילט ווייטער „טיאַמקעס". און ענדענדיג זיין „דרשה", האט ער פערמאַכט די טהיר און אָוועקגעגאַנגען.

דאס קאָרטען-שפּילען זענען מיר געווען געצוואונגען צו איבעררייסען, ווייל מיר האבען נישט געהאַט קיין געלד איינצושטעלען. דער איינציגער חבר יוסף יודע, וועלכער האט אין דער טרויעריגער „טיאמקע" נישט אנטיילגענומען און געבליבען ביי אַביסעל געלד, האט געמוזט אונז אויסבאָרגען צו בעצאהלען די סטרוזשעס. שטיל און רוהיג האט זיך יעדער אריינגעגנב׳עט אין זיין וואוינונג, לעגענדיג זיך שלאָפען מיט א בעטריעבט הארץ צוליעב דער מפּלה, וואס ער האט געהאַט גלייך די ערשטע נאַכט חנוכה.

ח. ל. יונגסטער

„אחדות-ישראל".

ביים יעצטיגען פּירוד אינ'ם יודענטום וועט דאָס פּראָקלאַמירען די פעראייניגונג פון פערשידענע רעליגיעזע גרופּירונגען, ווי: „איניציאַטיוו-גרופּע פון מזרחי", „תורה ועבודה", „ברית ישורון", „התאחדות חרדים" פון חברים פון דער „אגודה", „צעירי" און „פּועלי אגודת ישראל"—אונטערן נאָמען „אחדות ישראל" ביי דער נ. צ. אָ., ארויסרופען ביים רעליגיעזען יודענטום גרויס צופריזענהייט און אינטערעס.

פיעל חברים פון „מזרחי" און „ת"ועב" טראַכטען געוויס איבער די סיבות, וואָס האָבען גורם געווען צום אַרויסטריט אָדער ריכטיגער געזאָגט—צום אויסשליסען לאַנגיעהריגע אַקטיווע חברים צווישען זיי גרינדער פון דער בעוועגונג פון תורה ועבודה; חברים, וואָס זענען געווען די ערשטע אויפ'ן פראָנט פון דער בעוועגונג, פאַר וועמענס אויפבליה זיי האָבען געאַרבייט בלב ונפש, בחומר ורוח. כדי דאָס אַלעס גרינדליך צו ערקלערען, מוז מען געבען אַן'איבערבליק איבער דער שטעלונג פון „מזרחי" אינערהאַלב דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זייט דעם 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וואָס איז פאַרגעקומען אין פּראָג.

ווי בעוואוסט האָבען די וואַהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלכע זענען פאַרגעקומען אונטער'ן אַקאָמפּאַניאַמענט פון אַן'אונערהערטער העצע און בלוט-בלבול פון יודען געגען יודען—מצד די לינקע געגען די רעוויזיאָניסטען — איבערגעגעבען די הערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ממילא די העגעמאָניע איבער'ן אויפבוי פון ארץ ישראל. א דאַנק דער אונטערשטיצונג פון די „על-המשמר" - ציוניסטען—אין די הענד פון די לינקע גרופּירונגען אינ'ם ציוניזם, די זעלבע גרופּירונגען, וועלכע ביי אַלעראָרט וואַהלען ווי צ. ב. סיים, שטאָדט-ראַט און קהלה בעקומען אַ נישטיגע צאָהל שטימען.

דער מזרחי, וועמענס אויפגאַבע איז אויפצובויען אַ גרויס ארץ ישראל פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק אין גייסט פון דער תורה, איינזעהענדיג, אַז ביי אַזאַ לאַגע, ווען עס פיהרט אָן מיט'ן אויפבוי פון א"י אַ פאַרטיי, וועמעס איבערוויגענדע מערהייט האָט נישט קיין פערשטענדניש פאַר אַ רעליגיעזען אויפבוי פון א"י און אַ גרויסער טייל פון דער זעלבער פאַרטיי וויל זאָגאַר אויסווארצלען דעם זכר פון יהדות פון א"י, אַזוי ווי די מתיונים אין דער צייט פון מתתיהו החשמונאי—האָט זיך געשטעלט אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע צו דער לינקער עקזעקוטיווע, און מיט זיין מוטיגער און שטאָלצער האַנדלונג אויפ'ן קאָנגרעס האָט ער געווינען די סימפּאַטיע פון גאַנצען יודענטום. צו יענער צייט איז טאַקי געווען צו בעמערקען אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין די רייהען פון „מזרחי" און „ת"וע".

צום בעדויערען אָבער האָט דער „מזרחי" אין אַ קורצער צייט שפּעטער צוליעב פערשידענע סבות זיך צוריקגעצויגען פון דער אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג, און אויך אויף דער אַקציאָנס-קאָמיטעט-זיצונג, וועלכע איז פאַרגעקומען פאַר דעם 19-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, איז דער „מזרחי" אין כמעט אַלע וויכטיגע פראַגען אַרונטערגעפאַלען אונטער דער השפּעה פון לינקס און מען מוז ליידער פעסטשטעלען, אַז אַ דאַנק דער שוואַכער האַלטונג פון „מזרחי" אין דער פראַגע פון דיסציפּלין-קלאַוזעל אויף דעם שקל, איז געקומען צום אַרויסטריט פון די רעוויזיאָניסטען פון דער אַלטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס ס'האָט געבּרענגט דערצו, אַז די העגעמאָניע איבער דער אַלטער ציון. אָרגאַניזאַציע זאָל בלייבען אויף שטענדיג אין די הענד פון די לינקע.

דעם לעצטען שטויס צום אַרויסטריט פון א גרויסער גרופּע חברים פון „מזרחי" האָט געגעבען די שטעלונג פון „מזרחי" אויף דעם 19-טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין לוצערן, וואָס האָט גענצליך אויפגעגעבען זייער ביזהעריגע אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג, ווען זיי זענען אָפיציעל אַריינגעטרעטען אין דער עקזעקוטיווע, בעגניגענדיג זיך בלויז מיט פּאַפּירענע הבטחות וועגען קדושת שבת און יו"ט, וועלכע האָבען געהאַט די פּעולה, אַז אויב ביז יעצט איז פאַרגעקומען אין ארץ ישראל נאָר חלול שבת, איז שוין דאָס יאָהר פאַרגעקומען אַן'עפענטליכער חלול יום כפּור דורכ'ן „שומר הצעיר" אין חדרה.

דאָס האָבען נישט געקענט דולדען א גרויסע צאָהל חברים און בעשלאָסען צוריק מיט שטאָלץ אויפצוהויבען דעם „מזרחי"-פאָהן, וועלכער איז צוליעב רעזיגנאַציע און יאוש-שטימונג פון די מנהיגים, געוואָרען שטאַרק איינגעבויגען, און צוצוטרעטען צו דער רעאַליזירונג פון „מזרחי"-פּראָגראַם: ארץ ישראל לעם ישראל ע"פּי תורת ישראל ד. ה. א"י—נישט פּאַלעסטינאַ—נאָר אויך אַריינגערעכענט עבר הירדן, לעם ישראל —פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק, אָהן אונטערשיד פון קלאַס און ריכטונג. עפּ"י תורת ישראל אָהנע ויתורים און פּשרות. דאָס איז דער סימבאָל גאָמען „אחדות ישראל"—צו פערפעסטיגען אַלע דריי פּראָגראַם-טיילען אין איין פעסטען אונצעררייסבאַרען באַנד.

כדי דעם דאָזיגן פּראָגראַם וואָס שנעלער צו פאַרווירקליכען, מוזען מיר מיטאַרבייטען מיט אַלע יודישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען די זעלבע שטעלונג בנוגע בנין-הארץ. דאָס האָט אונז בעוואויגען זיך אַנצושליסען אין דער „נייער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", וועלכע האָט אויפ'ן גרינדונגס-קאָנגרעס אין וויען אַריינגעשטעלט אין דער קאָנסטיטוציע דעם פּונקט, אַז דאָס בויען ארץ ישראל אין גייסט פון דער תורה איז אַן'אינטעגראַלער טייל פון בנין העם והארץ, ד. ה. אַז יעדער מיטגליד פון נצ"א, נישט קוקענדיג אויף זיינע פּריוואַטע אנשויאונגען, מוז אַנערקענען, אַז דער אויפבוי פון יודישען לאַנד קאָן נאָר צושטאַנד קומען אויפ'ן יסוד פון דער תורה.

מיר זענען זיכער, אַז יעדער אָביעקטיוו-דענקענדער רעליגיעזער יוד וועט זיך אַנשליסען אין אונזערע רייהען און ממילא צוהעלפען צום צושטאַנד-קומען פון אונזער געוואונשטער אחדות פון אַלע טיילען פון יודישען פאָלק, וואָס שטעהען אויפ'ן באָדען פון פּרימאַט פון כלל ישראל.

ש. פרידמאַן

אח מסקרה פון בית"ר אין טשענסטאכאוו.

די נייע אויפפאַסונג פון „קרן תל-חי".

זונטאָג, דעם 22 ד. ח. וועט אין טשענסטאָכאָוו וויילען דער מיטגליד פון דער נ. צ. אָ.-נשיאות, דר. יוסף שעכטמאַן פון פאַריז. דר. שעכטמאַן קומט צו אונז אין שליחות פון הויפּט-דירעקטאָריום פון „קרן תל-חי", כדי צו ערעפענען די חנוכה-אַקציע פון „קרן תל-חי" אין אונזער שטאָדט.

דער אויטאָריטעט און פּערזענליכקייט פון אונזער חשוב'ן גאַסט זענען אַ קלאָרער בעווייז פון דער ספּעציעלער וויכטיגקייט און בעדייטונג פון דער היי-יאָהריגער חנוכה - אַקציע פון „קרן תל-חי". אַלע אָהן אויסנאַהם, אפילו אונזערע פאַרטיי-געגנער מוזען אָפען מודה זיין, אַז די איצטיגע אַקציע פון „קרן תל-חי" האָט אַ דעצידירענדע בעדייטונג, אויב, כדי די דאָזיגע אַקציע אַדורכצופיהרען, זענען מאָביליזירט געוואָרען אַלע פּאָטענציעלע כחות פון אונזער בעוועגונג און עס פיהרען מיט איהר אָן די חשוב'סטע טוער פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען גרופּירט אין דער נ. צ. אָ. מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי אין דער שפּיץ.

פאַרוואָס זאָל דוקא זיין די דאָזיגע אַקציע פון „קרן תל-חי" אַזוי וויכטיג און רייך אין פּאָזיטיווע פאָלגען פאַר דער יודישער אויפלעבונג און אויפבוי פון אַ יודישער מלוכה? זענען דאָך ביז איצט אויך געפיהרט געוואָרען אַקציעס, וועגען וועלכע מ'האָט אפשר אויך אויף אַנ'עהנליכען אופן גערעדט און דאָך האָבען זיי זיך טיילווייז געענדיגט מיט אַ מיסערפאָלג? כדי אויף די דאָזיגע פראַגע צו ענטפערן, מוזען מיר זיך אָבגעבען אַ קלאָרען חשבון פון דעם פערברייטערטען אידעאָלאָגישען פערנעהם און פון דער ראַדיקאַלער ענדערונג, וועלכע איז פאַרגעקומען אין מעריטאָרישען מהות פון דאָזיגען פאָנד, דאַן פון דער בעציהונג פון די יודישע מאַסען צום דאָזיגען פאָנד און צום סוף פון אונזער אייגענער אַרבייט לטובת דעם „קרן תל-חי".

די לייט-אידעע פון „קרן תל-חי", ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין ענטשטעהונגס-פּעריאָד, איז געווען מאַקס נאָרדוי'ס לאָזונג וועגען אַ מוסקול-יודענטום. דער ציעל, וועלכען „קרן תל-חי" האָט זיך געשטעלט איז געווען אין הסכם מיט דער לאָזונג פון נאָרדוי'ס „יהדות של שרידים", צו ערציהען אַזעלכע יודען, וואָס זאָלען אין אַ נויט-פאַל זיין פעהיג צו פערטיידיגען דאָס לעבען און פערמעגען פון אונזער פאָלק, סיי אין ארץ-ישראל, סיי אין גלות. אבער גלייכצייטיג מיט דער ענדערונג פון דער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון איהרע פאָנדען, איז געגאַנגען די אידעאָלאָגישע ענטוויקלונג פון „קרן תל-חי" און זיין אַרומנעהם. אין דער צייט, ווען דער קק"ל און קרן היסוד האָבען זייער אַלגעמיין-ציוניסטישע איינשטעלונג פעררעטען צוליעב פאַרטייאישען נוצען, האָט זיך בולט בעוויזען די אידעאָלאָגישע ענטוויקלונג פון „קרן תל-חי". דער ווענדע-פּונקט פון דער דאָזיגער ריוואָליזאַציע איז געווען דער באָיקאָט פון די ערשטע פאָנדען און דאָס פּראָקלאַמירען דעם „קרן תל-חי" אַלס נאַציאָנאַל-פאָנד. פון די ענגע ראַהמען פון אַ ריין-פאַרטייאישען פאָנד מיט ערציהערישע ציעלען איז אַלזאָ דער „קרן תל-חי" אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ ברייטען טעטיגקייטס-קרייז פון קאָלאָניזאַציע און נאַציאָנאַלע ערציהונג. פאַר'ן „קרן תל-חי" האָבען זיך דאַן געעפענט נייע האָריזאָנטען און נייע לאָזונגען, ווי: „בנין הארץ", „כיבוש הים", „גאולת המים" א. א.

אָבער טראָץ די שעהנע לאָזונגען האָט זיך די יודישע עפענטליכקייט בעצויגען פּאַסיוו און טיילמאָל אפילו פיינדליך לגבי דעם נייעם פאָנד. דאָס איז געשעהן צוליעב דעם, וואָס די יודישע מאַסען, וועלכע זענען פערטהון אין זייערע טאָג-טעגליכע דאגות-פּרנסה, נעמען אַ קנאַפּען אנטייל אין דער ציוניסטישער טעטיגקייט און האָבען נישט קיין גרויסען צוטרוי צו די „נאַציאָנאַלע פאָנדען". און בלויז צוליעב דעם, וואָס לגבי דעם קק"ל און קרן היסוד, וועלכע זענען דאָך אַמאָל געווען באמת נאַציאָנאַלע פאָנדען, האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסע קאָנסערוואַטיווע בעציהונג, האָט דער „קרן תל-חי" נישט געפונען די געהעריגע פערשטענדניש און אונטערשטיצונג פון יודישען פאָלק.

אויך מיר גופא טראָגען א געוויסע שולד, מיר האָבען נישט אויסגענוצט אַלע ערפאָלג-מעגליכקייטען פאַר אונזער פאָנד. מיר האָבען נישט גענוג אויפגעקלערט זיין בעדייטונג און פון דאָנען נעמט זיך די פערדינטע „מפּלה"; דערפאַר האָבען אונזערע ביזאיצטיגע אַקציעס נישט געהאַט דעם געהעריגען ערפאָלג; פון דעם שטאַמט דער דיסאָנאַנס צווישען די אויפגאַבען און קאָנסטרוקטיווער טעטיגקייט פון „קרן תל חי.

איצט, נאָכ'ן ענטשטעהן פון דער נ.צ.אָ., טרעט אַריין דער „קרן-תל-חי" אין דער דריטער פאַזע פון זיין ענטוויקלונג, וואָס וועט זיין, אין געגענזאַץ צו די פריהערדיגע, א בעווייז פון דער לעבענספעהיגקייט און קאָנסטרוקטיווער קראַפט פון דאָזיגען פאָנד. דער אָנהויב פון דער דאָזיגער טעטיגקייט און כחות-פּרוב וועט זיין די חנוכה-אַקציע. אפשר צום ערשטען מאָל אין זיין געשיכטע שטעהט איצט דער „קרן תל חי" פאַר ריזיגע מעגליכקייטען פון ערפאָלג פנים אל פנים צו דער דריי-פערטיל-מיליאָנדיגער אָרמער אַקטיווע קעמפער און נאָך מעהר סימפּאַטיקער און אָנהענגער. די יודישע מאַסע, וועלכע האָט זיך שוין איינמאָל, בעת די וואַהלען צו דער נ.צ.אָ. געשטעלט אין אונזערע רייהען, וועט אָהן שום צווייפעל אויך איצט אונז שענקען צוטרוי און צוהעלפען אין ווייטערדיגען קאַמף צו רעאַליזירען אונזערע אידעאַלען, ווייל נאָר דורך פּערמאַנענטע און אונמיטעלבאַרע צוזאַמענאַרבייט פון דער יודישער עפענטליכקייט מיט דער ג.צ.א. אויף אַלע געביטען פון ציוניסטישען לעבען, הן אויפ'ן פּאָליטישען און קולטורעלען, הן אויפ'ן פינאַנסיעלען און עקאָנאָמישען, וועט רעאַליזירט ווערען די לאָזונג, וועלכע איז אויף דעם גרינדונגס-קאָנגרעס פון דער נ.צ.אָ. אין וויען געוואָרפען געוואָרען דעם יודישען פאָלק דורך וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי: „דאָס יודישע פאָלק וועט אונז מאַכען רייך און שטאַרק און מיר וועלען איהם דערפאַר געבען פרייהייט און אונאַבהענגיגקייט".

מוטערס!

זוכט נישט קיין ביליגע געלעגענהייטען, נאָר פאָדערט שטענדיג אין די אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס פאַר אייערע קינדער דעם בעסטען הייל-טראַן

GOLD-MEDAL

נאָרוועגישער הייל - טראַן פון דער אַלוועלטליכער מאַרקע

GOLD-MEDAL

ענטהאַלט אַ שטאַנדאַריזירטע צאָהל וויטאַמינען „א" און „דע", און נעמליך 500 וויטאַמינען „א" און 250 וויטאַמינען „דע" אויף 1 גראַם.

געדענקט דעריבער, נאָר GOLD-MEDAL

wyrobu firmy Oluf Holm A|S Ltd. Aalesund (Norwegja)

w butelkach z niebieską etykietką.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

א מכה שלא כתובה...

איך בין לעצטענס שטאַרק צובראָכען, כ'קאָן בשום אופן נישט שלום מאַכען מיט'ן געדאַנק, אַז אָט אַזוי דאַרף טאַקע די וועלט אויסזעהן.

פערגעסט נישט, אַז מיר לעבען איצט ווי אויף א וואולקאַן, דער זאָאָלאָגישער אנטיסעמיטיזם ווערט וואָס אַמאָל אַלץ חוצפה'דיגער און פערשפּרייט זייגע שוואַרצע לאַפּעס אַלץ פעסטער און ענגער אַרום אונזער האַלז.

די סטודענטען, וואָס זענען אַמאָל געווען די קרוין פון דער נאַציע, דער אַוואַנגאַרד פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט—זענען היינט דער אויסדרוק פון דער שוואַרצעסטער רעאַקציע, וועלכע טהוען די גרעסטע געמיינהייטען, וועלכע פּאַסען פאַר די נידריגסטע עלעמענטען פון פעבעל. וואָס אַמאָל ווערט אינזער האָריזאָנט אַלץ טונקעלער און פינסטערער און מ'זעהט נישט קיין איין ליכטיגען שטראַהל—אומעטיג ווערט אויף דער נשמה.

נאָך ערגער ווערט אויפ'ן געמיט צוקוקענדיג, ווי אַזוי אונזערע יודען לערנען גאָרנישט פון די געשעהענישען, זעהען נישט די ווירקליכקייט פאַר די אויגען און מאַלפּעווען נאָך די נישט-יודען, מאַכענדיג זיך לעכערליך ביז צו עקעל.

זייט מיר מוחל ליבע לעזער, וואָס איך דערלויב מיר זיך אַביסעל אַראָבצורעדען פון האַרצען; גלויבט מיר, אַז כ'קאָן נישט אַנדערש, אפשר איז דאָס א שוואַכקייט פון מיין זייט, אָבער אָט אין אַזאַ שטימונג בין איך איצט.

איך פיהל, אַז די נערוון האַלטען נישט מעהר אויס. אונזערע יודען—אַנשטאָט דאָס נאַציאָנאַלע אחריות-געפיהל זאָל ביי זיי אין אַזאַ אויסערסט שווערען מאָמענט זיך שטאַרקען, מאַכען זיי זיך גאָר צו-שאַנד און צו-שפּאָט.

אין מיין נאָטיץ-ביכעל איז פערצייכענט א גאַנצער פּאַק פון נאַרישקייטען און געמיינהייטען פון אונזערע יודען, און איך וואָלט דאָס אַלעס געדאַרפט אַרויסשרייבען, כדי מען זאָל די דאָזיגע מכה אויסבּרענען, איז אָבער די צרה, וואָס איצט, ווען מען העצט געגען אונז יודען פון אַלע זייטען, אויב איך זאָל אויך נאָך קומען און צוגיסען אייל צום פייער, וואָלט מען מיך פערשריבען אַלט בוגד, אַלס פעררעטער, אַזוי אָבער, ווי איך קאָן דאָס פאַרט נישט פערהוילען, טהוט מיר טאַקע דאָס האַרץ וועה, פערבייס איך די ליפּען ביז בלוט און מוז שווייגען. און אָט דאָס איז די גרעסטע מכה, וואָס דריקט מיין נשמה, אויף דעם איז ריכטיג געזאָגט געוואָרען, אַז ס'איז א מכה שלא כתובה, וואָס מען טאָר אפילו וועגען איהר נישט שרייבען...

מען קאָן נישט האָבען צו זיי קיין פּרעטענסיע...

גענוג פערברעכענס ווערען בעגאַנגען יעדען טאָג דורך די ברואים, וואָס רופען זיך מענשען.

נישט אַלע פערברעכענס ווערען פערהוילען פון די אויגען פון דער גערעכטיגקייט און א סך פערברעכער ווערען טאַקע בעשטראָפט.

די וואָך האָב איך אויך געזעהען זיך צאַפּלען אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט א „פערברעכער", וועלכער האָט טסתמא בעקומען זיין פערדיענטע שטראָף.

געווען איז דאָס א יודיש יונגעל, וועלכער האָט בפני קהל ועדה אין מיטען גאַס, אין מיטען העלען טאָג אָהן שום קאָנצעסיע, פערקויפט מאַנדאַרינקעס, אויסשרייענדיג מיט חוצפה: „צעהען גראָשען א מאַנדאַרינקע". פערשטעהט זיך דאָך, אַז אַזאַ „פערברעכען" האָט נישט געקאָנט געשענקט ווערען, און מען האָט דעם פערברעכער צוזאַמען מיט זיין... טרפה'נע סחורה אַבגעפיהרט אין קאָמיסאַריאַט. אוודאי האָט דער פערברעכער געוואָלט אויסמיידען די האַרבע שטראָף, וואָס האָט איהם ערוואַרט, און ער האָט זיך געבעטען ביי דעם אָרדנונגס-היטער, אַז ער זאָל איהם פריילאָזען. אָבער— „ניעמאַ טאַק דאַבזשע"—ס'האָבען נישט געהאָלפען קיין תחנונים—די גערעכטיגקייט האָט געזיעגט!..

שטעלט איך פאַר מיין פערוואונדערונג, אַז באַלד צומאָרגענס, איז דער זעלבער „בעל עבירה'ניק" ווידער בעגאַנגען דעם זעלבען „חטא"—ווידער געשריגען אין דער גאַס: „10 גראָשען א מאַנדאַרינקע", און דער דאָזיגער „פערברעכער" האָט געמיינט, אַז ס'וועט איהם אַדורכגעהן גלאַטיג. עס איז אָבער לא ינום ולא יישן שומר ישראל—דער שומר איבער די יודען שלאָפט נישט... אויך צומאָרגענס האָט מען דאָס יודישע יונגעל געכאַפּט און איהם נאָכאַמאָל געשלעפּט אין קאָמיסאַריאַט אַריין.

עס איז געווען פּשוט א „פערגעניגען" צוצוקוקען, ווי אַזוי דער קליינער „פערברעכער" האָט נאָך געהאַט די „העזה" צו בעטען ביים פּאָליציאַנט, אַז ער זאָל איהם אַבלאָזען, כדי ווייטער צו קאָנען פיהרען זיין „פערברעכערישע" טעטיגקייט.

קורץ, מען האָט דעם שעדליכען עלעמענט, וועלכער פערפעסטעט די לופט מיט זיין שרייען און ברענגט שאָדען דער מלוכה, בעשטראָפט, ווי ס'קומט אַזאַ פערברעכער...

זיי מעגען רוהיג זיין...

די אַמנעסטיע האָט שטאַרק געטראָפען די אַדוואָקאַטען. דאָס וועט גורם זיין, אַז זיי וועלען געשלאָגען ווערען אין דער פּרנסה און אָט צוליעב וואָס: היות, ווי ס'ווערען געשענקט אַזוי פיעל שטראָפען, וועלען דאָך א סך פּראָצעסען, דערונטער אַפּעלאַציעס און קאַסאַציעס אַבגערופען ווערען און במילא וועלען דאָך די אַדוואָקאַטען בלייבען אָהן א שטיק אַרבייט.

אַזוי טענה'ן די אַדוואָקאַטען. לויט מיין מיינונג אָבער האָבען זיי א טעות, ווייל ווי איז דאָס שייך, אַז א סך

פראפ. יוסף קלויזנער, ירושלים

די צוויי יסודות פון ,,קרן היסוד״.

(ספעציעל פאר דער „טשענסטאכאווער צייטונג״).

עס זענען פערהאן פיעל טענות געגען דער טעטיגקייט פון קרן היסוד און אויך איך האב וואס אויסצוזעצען געגען איהם. אבער לכבוד זיין יום-טוב, ווען עס איז געווארען 15 יאהר זייט ער עקזיסטירט, וויל איך אונטערשטרייכען זיינע צוויי הויפט-יסודות, וועלכע מאכען איהם פערדינסטפול פאר׳ן יודישען פאלק:

א) דער קרן היסוד האט צוגעוואוינט דאס יודישע פאלק צו יודישע מלוכה-שטייערן.

דאס יודישע פאלק איז אנ׳אומה פון „רחמנים בני רחמנים״. מען מאנט ביי זיי און זיי געבען. אבער אויף וואס און וויפיעל גיבען זיי? — גראשענס צדקה פאר ארימע לייט, קליינע סכומים, צופעליגע פאר יודישע „חברות״ און גרויסע סכומים — פאר נישט-יודישע אינסטיטוציעס, כדי זיך בעשיינען פאר די אומות העולם אדער כדי געפונען חן ביי דער מאכט. בייצושטייערן בעדייטענדע און בעשטימטע סכומים פאר זיך זעלבסט, פאר זייער פאלק און לאנד — צו דעם האט זיי ערשט אנגעהויבען צוצוגעוואוינען חבת ציון און דער ציוניזם פון פאר דעם קריג.

אבער דער „קרן היסוד״, וואס זיין אמת׳ער נאמען איז „קרן היסוד המעלה״, דער פאנד, וואס איז בעשטימט צו לעגען א פאלקס-יסוד פאר דער יודישער נאציאנאלער היים האט געמאכט נאך איין שריט פארווערטס: אלס יסוד פאר די בעשטייערונגען האט ער געלעגט דעם יודישען מלוכה-געדאנק. דער יוד איז מחויב צו צאהלען אויס יודישען בעוואוסטזיין א בעשטימטען און בעדייטענדען שטייער פאר זיין אייגענער „מלוכה אין וועג״, ווי ער צאהלט שטייער צו זיין הערשענדער מלוכה, וועלכע צווינגט איהם צו דעם. און דער יוד האט זיך צו דעם צוגעוואוינט. און הונדערטער טויזענדער און אפשר מיליאנען יודען צאהלען שוין אט 15 יאהר בעדייטענדע מלוכה-שטייערן — נישט קיין צופעליגע גראשענס — דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכע איז לויט איהר גאנץ וועזען דער פארשטעהער פון דער „מלוכה אין וועג״. די פערטיילונג פון די דאזיגע געלדער דאס איז א קאפיטעל פאר זיך. אין דעם קענען אין עס מוזן קומען ענדערונגען. און אויב זיי וועלען היינט נישט קומען, וועלען זיי קומען מארגען. אבער דער מלוכה-יסוד פון די בעשטייערונגען פאר׳ן „קרן היסוד״ איז פון גרויסער וויכטיגקייט און וועט נישט בטל ווערען כל זמן די ציוניסטישע ארגאניזאציע וועט זיין א „מלוכה אין וועג״.

ב) ער האט געבראכט די בשורה פון דער גאולה אין אלע עקען וועלט.

מיר בעציהען זיך צו מאל מיט ביטול צו די „משולחים״ און שד״רים הן פון די אלטע אינסטיטוציעס, הן פון די ציוניסטישע. אבער אין אמת׳ן האבען זיי דאס אונטערגעהאלטען דעם „נר תמיד״ פון חבת הארץ, ער זאל נישט אויסגעלאשען ווערען. ווען נישט די דאזיגע „שליחי-ציון״, וואלט די גוטע בשורה פון אונזער גאולה-געדאנק נישט אנגעקומען צו די ווייטע גלות-ווינקלען, וואוהין אונזערע ברידער זענען פערשטויסען געווארען. פון איין עק וועלט ביז׳ן צווייטען וואנדערט דער שליח פון „קרן היסוד״ און אומעטום ברענגט ער א רפואה פאר די אונטערדריקטע דורך דערנידערונג און שפאט, דורך רדיפות און מאטעריעלער און מאראלישער פעראָרימטקייט. ער זאגט צו זיי: עס איז נאך פערהאן א לאנד, וואו דער יוד האלט שטאלץ דעם קאפ און נישט בלויז ער האפט אויף דער גאולה, נאר ער איז זי מיט אייגענע הענד מ ק ר ב. עס איז נאך פערהאן א לאנד, וואו יודען זענען נישט בלויז קרעמער, סוחרים און מענשען מיט פרייע פראפעסיעס, וואס קאנקורירען מיט דער ארטיגער בעפעלקערונג, נאר אין א בעדייטענדער צאהל אויך פויערים און ארבייטער און די, וואס מיט פרייע פראפעסיעס שטופען גארנישט ארויס זייערע שכנים, נאר זיי ארבייטען פאר זייער פאלק און לאנד. עס איז נאך פערהאן א לאנד, וואו פערשידענע יודישע געמיינדעס שמעלצען זיך צונויף לאנגזאם, ווען אפילו מיט שוועריגקייטען, דורך איין שפראך און איין נאציאנאלען אידעאל און ווערען צו איין נאציע. און ענדליך, עס איז נאך פערהאן א לאנד, וואו עס ווערט לאנגזאם געשאפען, ווען אפילו מיט גרויסע יסורים, א נאציאנאל - יודישע קולטור, וועלכע איז א סינטעטישע צוזאמענשמעלצונג פונ׳ם אלטען מיט׳ן נייעם, א המשך פון דער נבואה און פון דער אריגינעלער קולטור-שאפונג פון דער יודישער נאציע. אט די גוטע בשורה וואס די שליחי ציון ברענגען פון ארץ-ישראל, דעם גלות, איז אפשר פיעל וויכטיגער פון די געלדער-סכומים, וואס זיי ברענגען פון גלות קיין א״י.

און דעריבער דארף מען מיט פערעהרונג דערמאנען די ערשטע, וואס האבען ארויסגעבראכט דעם געדאנק פון „קרן היסוד״ און די, וואס האבען איהם פערווירקליכט אין משך פון 15 יאהר. ווייל נישט בלויז געלד, נור אויך פיעל גוטס האט ער געבראכט דעם יודישען פאלק אין זיין לאנד און אין אלע לענדער פון זיין גלות.

רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו.

— .2 —

דער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק פלעגט זיך זעהר אפט אויסטענה׳ן מיט דעם רבונו של עולם, און וועגען דעם עם ישראל. איינמאל האט ער צו איהם אזוי געזאגט: „ווען צוויי פערזאנען האבען חתונה טרעפט, אז איינער איז רייך און די צווייטע איז פון א גרויסען יחוס אבער ארים. דער רייכער פערזארגט דאן די ארימע מיט פרנסה. דו, רבונו של עולם האסט גענומען פאר דיין כלה דעם עם ישראל, וואס שטאמט פונ׳ם גרויסען יחוס פון די אבות, טא איז עס דיין חוב, אז דו זאלסט פערזארגען דעם עם ישראל מיט „פרנסה״.

א צווייט מאל האט דער בערדיטשעווער אריינגעקוקט אין מחזור און האט געלעזען: „מיר זענען פול מיט זינד, אבער דו ביזט פול מיט רחמים״. דערביי האט דער בערדיטשעווער אויסגערופען: „רבונו של עולם בעטראכט ווי קליין ס׳זענען די זינד, וואס מיר קענען בעגעהן; אבער דיין רחמנות איז דאך אונבעגרעניצט און דיין חסד האט גאר קיין ברעג נישט. ווי זשע קענסטו בעשרענקען דיין רחמים און חסד צו אונז״?

ער האט אמאל זאגאר געזאגט צו גאט, דאס אויב ער וועט דעם פאלק ישראל נישט פערגעבען די זינד וועט ער אויף איהם זאגען, אז ער טראגט פאלשע תפילין, ווייל אין די תפילין איז איינגעשריבען: „ווער איז ווי דיין פאלק ישראל? ס׳איז דאס איינציגע פאלק אויף דער ערד״. אויב גאט וועט נישט פערגעבען די זינד פון די יודען, וועט עס הייסען, אז ער גלויבט נישט אין דעם, וואס ס׳איז איינגעשריבען אין די תפילין, און פאלגליך זענען זיי פאלשע תפילין... ער האט אויך אמאל געזאגט: „רבונו של עולם, דער עם ישראל איז די תפילין פון דיין קאפ. ווען ביי א יודען פאלען אראב די תפילין הויבט ער זיי אויף מיט גרויס זארג און קושט זיי. גאט, דיינע תפילין זענען צו דער ערד געפאלען״...

דער בערדיטשעווער האט געהאלטען, אז גאט טהוט גענוג פאר דעם פאלק ישראל, ווייל ער ברענגט נישט די גאולה. מ׳דערצעהלט, אז נאך א יום-כפור האט ער גערופען צו זיך א שניידער און האט איהם געפרעגט, וואס ער האט געזאגט צום רבונו של עולם אין דעם יום הדין. דער שניידער האט געענטפערט: „איך האב געזאגט צו גאט: דו ווילסט, אז איך זאל חרטה האבען אויף מיינע זינד, אבער וואס זענען מיינע זינד? איך האב אפשר צוריקגעהאלטען א שטיקעל שטאף, וואס איז געבליבען פון א מלבוש, אדער איך האב געגעסען אין א נישט יודיש הויז, וואו איך האב געארבייט, אהן זיך צו וואשען. אבער דו, גאטעניו, דו האסט בעגאנגען גרעסערע זינד: דו האסט גענומען קינדער פון מוטערס און מוטערס פון קינדער, לאמיר-זשע זיין קוויט: פערגיב דו מיר מיינע זינד און איך וועל דיר פערגעבען דיינע״. האט דער בערדיטשעווער דערויף בעמערקט: „דו האסט דעם רבונו של עולם ביליג אפגעלאזען. דו האסט איהם בעדארפט צווינגען, אז ער זאל בעפרייען דאס פאלק ישראל״.

דער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק איז רעגיסטרירט געווארען אפיציעל אלס דער „בארמהערציגער״. עס ווערט דערצעהלט פאלגענדער אנעקדאט וועגען דעם פון וואנען ס׳האט זיך דאס גענומען: עס איז ארויסגעגעבען געווארען א קייזערליכער בעפעהל, אז יעדער איינער מוז צו זיין אייגענעם פערזענליכען נאמען צושרייבען נאך א נאמען, וואס זאל ווערען זיין פאמיליען-נאמען. די יודען האבען זיך נישט געאיילט דורכצופיהרען דעם בעפעהל, האט מען געשיקט פריסטאווס פון הויז צו הויז, אז זיי זאלען זעהן דאס מען זאל דעם בעפעהל דורכפיהרען. ווען דער פריסטאוו איז געקומען צו רבי לוי יצחק און האט ביי איהם אנגעהויבען אויספרעגען וועגען דעם נאמען וואס ער וויל זיך געבען, האט דער רבי געקוקט צום הימעל און געזאגט א בעקאנטען מאמר: „פאלג נאך די דרכים פון גאט. ער איז בארמהערציג און דו זאלסט זיין בארמהערציג״. דער פריסטאוו האט נישט פערשטאנען, וואס דאס מיינט, ער האט בלויז געכאפט דאס ווארט „בארמהערציג״ און האט איינגעשריבען אין זיין בוך נעבען דעם פערזענליכען נאמען לוי יצחק, דעם צונאמען „דער בארמהערציגער״.

וועגען דעם ווי דער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק פלעגט העלפען יודען ווערט געבראכט פאלגענדער ביישפיל: דער בערדיטשעווער האט ערפאהרען, אז א ארימען יודען, וועלכער פלעגט פערדינען אייניגע גראשען א טאג דורך גראבען ליים און עס פיהרען מיט זיין פערד און וואגען צו די מויערער, האט געטראפען אנ׳אומגליק: דאס פערד איז אומגעקומען, און דער יוד האט געדארפט טראגען דאס ליים אויף זיינע פלייצעס. דער יוד האט אויך נישט געוואלט נעהמען קיין צדקה, כאטש ער האט קוים פערדינט אויף א טרוקען שטיקעל ברויט. דער בערדיטשעווער האט בעשלאסען דעם יודען צו העלפען. ער האט זיך פערשטעלט פאר א פויער. ער האט גענומען אויפ׳ן קאפ א בינטעל מיט שטעקעלעך און עס אריינגעווארפען אין קויש מיט ליים פון דעם בעטרעפענדען יודען. דער יוד איז נאכגעלאפען דעם „פויער״ איהם אבצוגעבען די שטעקעלעך; אבער יענער האט זיך אויסגעדרעהט און איז פערשוואונדען געווארען. ווען דער יוד איז אהיימגעקומען מיט דעם בינטעל שטעקעלעך האט ער דערזעהן, אז אין דעם בינטעל איז בעהאלטען א מלבוש, און אין דעם מלבוש האט ער געפונען א סומע מיט געלד. דער יוד איז אוועק צום בערדיטשעווער רבי׳ן פרעגען אנ׳עצה וואס צו טהון, און דער בערדיטשעווער האט איהם געראטען צו האלטען דאס געלד פאר זיך, ווייל גאט האט עס איהם געשיקט אלס בעלוינונג פאר זיין עהרליכקייט.

וועגען דעם אונטערשיד פון מורא און ליעבע אין דיענען גאט האט דער בערדיטשעווער געזאגט: „דער וועלכער דיענט גאט אויס מורא האט זיך אליין אין זינען, ער האט מורא פאר א גרעסערע מאכט פון זיך. אבער דער וואס דיענט גאט אויס ליעבע, פערגעסט אין גאנצען זיך״.

דער בערדיטשעווער האט זיך אויפגעפיהרט ווי אנ׳אמת׳ער פאלקס-מענש. ער האט זיך נישט געהאלטען גרויס און צו זיין טיש פלעגט ער איינלאדען נישט נאר תלמידי חכמים, נאר אויך איינפאכע מענשען פשוט׳ע עם הארצים, מען האט איהם אמאל געפרעגט פארוואס ער טהוט דאס, פארוואס לאזט ער צו אנ׳עם-הארץ צו זיין טיש. ער האט דערויף געענטפערט: „ווען איך וועל קומען אין גן-עדן און וועל דארט זעהן זיצען ביי א טיש אברהם, יצחק, יעקב און משה, וועל איך אוודאי וועלען צוגעהן און זיך נעבען זיי זעצען. און אויב עמיצער וועט פרעגען, וואס טהוט אט דער עם הארץ ביי דעם טיש פון די גרעסטע צדיקים, וועל איך קענען ענטפערן: עס קומט מיר, ווייל איך האב אויך געלאזט עם הארצים זיצען ביי מיין טיש.

דער בערדיטשעווער איז געווען זעהר שטארק געגען דעם פייניגען זיך מיט תעניתים א. א. וו. ער פלעגט זאגען, אז דאס איז נאר א פאסטקע פון דעם שטן, צו פערווירען דעם מענשענס געדאנקען און איהם צו מאכען צו זינדיגען. ער האט וועגען דעם דערצעהלט אזא משל: „צוויי מענשען האבען זיך געראנגעלט: האט איינער געטראכט, אויב איך וועל יענעם געבען א זעץ אין הארצען אדער אויסדרעהען א האנט, קען יענער מיר טהון עפעס נאך ערגערס, אויב אבער איך וועל איהם געבען א שטארקען זעץ אין קאפ וועט ער פאלען צו דער ערד און ער וועט מיר שוין גארנישט קענען טהון. אט דאס זעלבע זאגט דער שטן ווען ער זוכט אימיצען צו פערנארען, רעדט ער איהם צו צו פאסטען. אויף אזא אופן שוואכט ער אב זיין קערפער, דאס צומישט זיינע געדאנקען, עס מאכט איהם שוואך, ער פאלגט און ער זינדיגט״.

(ווייטער — קומט).

היסטאריקוס.



פערברעכער, וועלכע וועלן בעפרייט ווערען פון דער תפיסה זאלען זיצען מיט פערלעגטע הענד... איז פון דאנען געדרינגען, אז ס׳וועט נישט פעהלען קיין פערברעכענס און די אדוואקאטען וועלען ווידער פערווארפען ווערען מיט ארבייט...

יא, זיי, די אדוואקאטען, מעגען רוהיג זיין...

„געטא״

דער „גאניעץ״ האט ארויסגעגעבען א „מאניפעסט״ צו די אנאנסען-געבער, אז ער וועט ארויסגעבען א ספעציעלען „גוויאזדקאווע״-נומער, אין וועלכען זיי וועלען אינפארמירען די קונים וועגען אלע קריסטליכע פירמען, וואו זיי דארפען איינקויפען אויף די חגאות.

דער דאזיגער „מאניפעסט״ איז געווען געציעלט, אז די קריסטליכע סוחרים זאלען געבען אנאנסען אין „גאניעץ״ און די קאסע פון דער אדמיניסטראציע זאל פולער ווערען.

זענען דאך אבער יודען פיפיגע סוחרים, האבען זיי אויך געגעבען אנאנסען אין „גאניעץ״ אויף דעם „גוויאזדקאווע״ נומער, און דער „גאניעץ״ איז נישט געווען קיין חזיר און די אנאנסען צוגענומען און זיי אויך אבגעדרוקט.

ווי עס ווייזט אויס, איז דער „גאניעץ״ נאר אנ׳אנטיסעמיט מיט׳ן מויל, ווען ס׳קומט אבער צו א יודישען גראשען, איז ער זעהר לעבענסווירדיג און בעוויליגט איהם צוצונעמען.

אונז געהט נור אין א צווייטער זאך, און נעמליך: דער „גאניעץ״ האט דאס מאל געמאכט פאר די יודישע אנאנסען א „געטא״, דהיינו, ער האט אלע יודישע אנאנסען אבגערוקט אויף דער לעצטער זייט. און זאל דאס נישט רייצען די קריסטען.

אויסגעהאלטען איז דער „גאניעץ״ ביז גאר. ער האט געזאלט אינפארמירען אין דעם דאזיגען נומער נאר וועגען די קריסטליכע פירמען, און אזוי ווי ער האט נישט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון פון א פאר יודישע גילדען, האט ער געמוזט אויך אינפארמירען זיינע טרייע לעזער וועגען אביסעל יודישע פירמען, נאר ער האט זיי געזעצט אזוי ווי מען האט דאס לעצטענס געטהון מיט די יודישע סטודענטען אין די אוניווערזיטעטן—אויף דער לעצטער באנק.

ער האט געמאכט פאר זיי א געטא...

יאך בידא טא דא זשידא

דערצעהלט מיר ה׳ עפשטיין פאלגענדען כאראקטעריסטישען פאקט:

פערגאנגענעם זונטאג האבען קריסטליכע פארלעך געזאמעלט געלד אין די גאסען אויף א געוויסען ריין-קריסטליכען צוועק. האבען זיי פערטשעפעט איין אדורכגעהער, א צווייטען, און קיינער האט נישט געהאט קיין חשק אריינצוווארפען אין דער פושקע. דרעהען זיי זיך אזוי ארום א האלבע שעה, א שעה און די פושקע פוסטעוועט. דערווייל ווערען די הענד געפרוירען— טא וואס זשע טהוט מען? פאלט איין איינעם פון די זאמלער: אפשר זאל ער אנהויבען גליק ביי יודען. זאגט ער צו זיין פארטנערין: געה צו צו יודען און לייג זיי פאר די אבצייכנונגען. די שיקסע האט אפילו נישט געהאט קיין חשק, טראכטענדיג, אז אויב נישט-יודען ווילען נישט געבען אויף א ריין קריסטליכען צוועק, וועלען דאך יודען אוודאי נישט געבען; זעהענדיג אבער, אז זי וועט אהיים געהן מיט א ליידיגער פושקע, האט זי לאין ברירה מסכים געווען צו פרובירען מזל ביי יודען. אינדעם געהען אדורך צוויי יודען מיט בערדלעך, געהט זי צו צו זיי און לייגט זיי פאר אנ׳אבצייכנונג. האבען זיך די יודען נישט אבגעזאגט און אריינגעווארפען עטליכע מטבעות. נו, —האט טריומפירט איהר פארטנער—ווידזשיזש, אז די בראדאטע זשידעס זענען ערענטליכער פון אונזערע...

נאך דער גוטער התחלה האבען זיי שוין פרובירט ס׳מזל ביי אלע אדורכגעהענדע יודען, סיי בראדאטע און סיי געגאלטע, און זיי האבען טאקע געמאכט אלרייט...

ביליג, ביליג!

לעצטענס איז געווארען אנ׳עפידעמיע אויף ביליגקייט. אלע ווילען ביליג און אלע פאדערען, אז ס׳זאל ווערען נאך ביליגער.

אזוי ווי אנ׳אנשטעקענדיגע קראנקהייט ר״ל—אזוי האט זיך די ביליגקייט-עפידעמיע פערשפרייט און ווער ווייסט ווי ווייט יעדעס ביליגע ארטיקעל וועט ביליגער ווערען...

אט איז למשל ביליגער געווארען צוקער, נאפט, קויהלען, פאפיער, אייזען און ווי מען שמועסט זאל אויך ביליגער ווערען ברויט און זעמעל.

לעצטענס זענען ביי אונז אויך ביליגער געווארען געוויכערטע פליישען ד״ה וואורשט.

צי פלייש איז ביליגער געווארען, ווייס איך נישט, דאכט זיך, אז נישט נאר אז וואורשט איז ביליגער געווארען—איז א פאקט.

אנאנסען אין די צייטונגען, פלוגבלעטלעך אין די גאסען, אויפשריפטען אויף די שוי-פענסטער זענען מודיע וועגען דעם זול אויף יודישען וואורשט.

מעגליך, אז דאס איז א רעזולטאט פון דער גרויסער קאנקורענץ. וואס קומט פאר צווישען די וואורשטען-הענדלער, דערווייל אבער האט דער יודישער עולם די מעגליכקייט צו עסען געוויכערטע פליישען פאר זעהר ביליג.

לויתן.

טשעקאָווע ידיעות

הונדערט יאָהר נאָז-טיכלעך.

היינט קענען מיר נישט געהן אין גאַס און קענען אויך נישט זיצען אין שטוב, ווען מיר האָבען נישט דאָס נאָז-טיכעל ביי זיך. וויכטיגער כמעט פון אלע חפצים פון אונזערע קליידער אָדער פון אונזער וועש, איז דאָס נאָז-טיכעל, ווייל מיר קענען נישט רייניגען אונזער נאָז מיט'ן אַרבעל פון אונזערע אויבער-בגדים, ווי אונזערע אבות-אבותינו האָבען עס געטהון.

און דאָך ווערט ערשט איצט הונדערט יאָהר, אַז דאָס נאָז-טיכעל האט אָנגעהויבען שפּיעלען אַ ראָל ביי מענשען. נאָך אין יאָהר 1773 האט לודוויק דער 15-טער ארויסגעגעבען אַנ'אוקאַז בנוגע די רעגעלן פונ'ם „גוטען טאָן" אויף זיין הויף. דאָרט געפינט זיך אַ פּאַראַגראַף, אַז „אַבווישען די נאָז זאָל מען זיך בלויז מיט דער לינקער האַנד"...

אמת איז, דעמאָלט האט מען שוין ארומגעטראָגען טיכלעך אין די הענד (פון קיין קעשענעס אין די קליידער האט מען נאָך דאמאלס נישט געוואוּסט), אָבער די דאָזיגע טיכלעך האָט מען בלויז בענוצט צו — פערטרייבען די פליגען... וואָלט זיך עמיץ מיט אַזאַ טיכעלע געווישט די נאָז, וואָלט עס געווען דער גרעסטער פעהלער פון דער עטיקעטע. חוץ לזה האָט מען זיך דערמיט גאר נישט געקענט אָבווישען, ווייל די טיכלעך זענען געווען בעזעצט מיט כל'ערליי ציהרונג און מיט טייערע פעריל. אַזאַ טיכעלע האָט געקאָסט אַנ'ערך הונדערט טאָלער און נאָך מעהר. נור גאַנץ רייכע לייט האָבען זיך געקענט פערגינען דעם לוקסוס צו האָבען אַזאַ טיכעלע.

אין דער ירושה פון לואיס דעם 15-טען האט מען געפונען פינף אַזעלכע טיכלעך, זעהר טייערע טיכלעך, בעפוצט מיט די שענסטע בריליאַנטען און מיט די טייערסטע שטיינער און פעריל, אָבער פון די פינף טיכלעך זענען נישט ווייניגער ווי פיער געווען צוריסען...

וואָלט עמיץ זיך געוואָלט מיט אַזאַ טיכעלע אָבווישען די נאָז, וואָלט ער זיך צובלוטיגט אויף וואָכען לאַנג... די טיכלעך זענען געמאַכט קיילעכדיג און נישט שפּיצלעך. ערשט לודוויג דער 15-טער האט איינגעפיהרט, אַז די טוכלעך זאָלען זיין פּיערעקעדיג, ווי מיר האָבען זיי היינט. דאס האט ער אָבער געטהון נור דערפאַר, ווייל ער האט זיך אמאָל צעבלוטיגט אַ פינגער און ער האט איהם געוואָלט פערבינדען מיט אַזאַ טיכעלע, אָבער די פאָרם פונ'ם טיכעלע איז געווען אַזאַ, אַז ס'איז נישט מעגליך געווען דעם פינגער צו פערבינדען. דעריבער האט ער איינגעפיהרט פּיערעקיגע טיכלעך.

דאס ערשטע טיכעלע פאר דער נאָז האט זיך בעוויזען אָנהויב פון 1800 י. עס איז געמאַכט געוואָרען פאר די וואָס שמעקען טאַבאַק און איז געווען איינגעטינקען אין א מין פאַרב ס'זאָל נישט ברודיג ווערען.

ערשט אין יאָהר 1836 האָט שלמה לעווקאָוויטש, אַ יודישער טעקסטיל-סוחר פון פוילען געבראַכט אויפ'ן לייפּציגער יריד פּראָסטע נאָז-טיכלעך, ווי מיר האבען עד היום. זיי זענען געמאַכט געוואָרען אויס ביליגען לייוועגט.

שלמה לעווקאוויטש איז נישט נור דער ערפינדער פון די ערשטע נאָז-טיכלעך, נור ער איז אויך דער ערשטער, וואס האט פאר זיין ערפינדונג געמאַכט „רעקלאמע".

ער האט אומעטום פערטיילט געדרוקטע צעטלעך אין וועלכע ס'הייסט: „איז אייך נישט אַ שאָד צו ווישען די נאָז מיט אייערע אויבער-בגדים, וואס ווערען רואינירט און זענען ברודיג אויף אייער לייב? קענט איהר אייך אָבווישען אין א טיכעלע וואס ווערט קיינמאל נישט געוואשען? קויפט די נייע, ריינע טיכעלעך, וואס זענען ביליג, שעהן, פּראַקטיש און וואס לאָזען זיך אויסוואשען ווי יעדע אנדערע וועש".

און לעווקאָוויטש האט טאקי געמאַכט דאמאלס גאַנץ גוטע געשעפטען, אין די 14 טעג וואס דער יריד האט געדויערט, האט ער פערקויפט, לויט די אָבצאָהל-ביכער האָבען פערצייכענט, נישט ווייניגער ווי צוואנציג טויזענד נאָז-טיכלעך.

דאכט זיך מיט אַזאַ פּדיון, וואָלטען היינטיגע פאַבריקאַנטען פון נאָז-טיכלעך אויך צופרידען געווען.

ז. האַבער.

„אחדות-ישראל".

אין טשענסטאכאוו האט זיך געשאַפען אַנ'אָבטיילונג פון דער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע „אחדות-ישראל" ביי דער ג.צ.א.

צו דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע געהערען ווי בעוואוסט: איניציאַטיוו גרופּע פון מזרחי, תורה-ועבודה, ברית ישורון, התאחדות חרדים און אנדערע רעליגיעזע יודען.

אין די נאָהענטסטע טעג וועט פאַרקומען א גרעסערע עפענטליכע פערזאמלונג אויף וועלכער ס'וועט געוועהלט ווערען א ועד.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי-עניים"

ה' יצחק מיץ 25 קילאָ ברויט, ה' וואָלף שמידט 20 קילאָ ברויט, ה. פּ. פּראַפּאַרט 10 קילאָ ברויט, ה' מ. טענדלער 8 קילאָ ברויט.

פאַר'ן שפּיטאָל ה' וואָלף שמידט 5 זל.

פון תנועת „תורה ועבודה".

מוצש"ק פ' וישב 8 א זייגער קומט פאַר א קאָלעקטיווע שיחה אונטער דער אָנפיהרונג פון ח' א. קאָנסענס א.ד.ט.: וויכטיגע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים".

פון ברית הצה"ר.

די לעגיטימאַציע וואהל-אַקציע ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט. מיר דערמאָנען אלע חברים, אז אין פאַל, ווען זיי וועלען נישט אויסקויפען קיין וואָהל לעגיטימאַציעס, וועלען זיי נישט האבען קיין וואָהל-רעכט צו דער בעפאָרשטעהענדער 7-טער לאַנדעס קאָנפערענץ פון הצה"ר.

שבת, דעם 21-טען אין אָווענד וועט פאָרקומען א געמיינזאַמע פערזאַמלונג פון אלע רעוויזיאָניסטישע גרופּירונגען אין האַנדווערקער-זאַל מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר שעכטמאַן.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „דאַבראָטשינגאַשטש".

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין לאָקאַל פון דער קהלה פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „דאַבראָטשיננאַשטש".

די פערזאַמלונג עפענט פּרעזעס דר. באַטאַוויא, אלס פאָרזיצער ווערט פאָרבעטען דיר. ה' ס. פּרושיצקי, אלס בייזיצענדע — פרוי טעמפּעל און דר. ד. טאַרבעטשקא, סעקרעטאַר — ה' דאָבּזשינסקי.

דעם בעריכט גיט אָב דר. באַטאַוויא, וועלכער בעקלאגט זיך, אַז די אינסטיטוציע ליידט פון געלד-מאַנגעל און ווי געוועהנליך האט ער טענות צו דער קהלה, פאַרוואס זי העלפט נישט דעם „דאַבראַטשיננאַשטש".

נאָך א קורצער דיסקוסיע ווערט דער בעריכט גענומען צו קענטניס און עס ווערט אויסגעדריקט דער פערוואַלטונג אַבסאָלוטאָריום.

דעם בודזשעט אויף דער סומע פון 195.400 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אין דער פערוואַלטונג ווערען אויפסנייע אויסגעוועהלט: פרוי אינזש. דאַוויראַוויטש, ה"ה מ. היימאַן, דר. שלייכער, דר. באַטאַוויע, סאַרנע, חיים וועקסלער, ווי אויך דר. עפּשטיין.

תיקון טעות.

אין ארטיקעל „די נייע אויפּפּאַסונג פון „קרן-תל-חי" אויף זייט 3 פון היינטיגען נומער איז אריינגעפאַלען א דרוק-פעהלער. אויפ'ן שפּאַלט 4, שורה 14 דאַרף זיין: „יהדות של שרירים".

אַ גרויסע מענדעלע - פייערונג אין טשענסטאָכאָוו.

צום הונדערט-יעהריגען געבורטס-טאָג פונ'ם גרויסען יודישען שרייבער מענדעלע מוכר ספרים, וואס פאַלט אויס אין דעם חודש, ווערט אויך דורך דער היגער אַלגעמיינער אַרבייטער - ביבליאָטעק שוין צוגעגרייט א גרויסע פייערליכע אַקאַדעמיע.

צו דער פייערונג קומט צו פאָהרען אַנ'אָנגעזעהענער שרייבער און פּובליציסט פון ווארשא. חוץ דעם רעפעראַט וועגען מענדעלע'ס לעבען און שאַפען, וועט אין פּראָגראַם פון דער אַקאַדעמיע, אויך זיין א ליטעראַריש-אַרטיסטישער טייל, ווי אויך געזאַנג און מוזיק-נומערן.

פּרטים וועגען דער אַקאַדעמיע – וועלען מיטגעטיילט ווערען אין ווייטערדיגע מעלדונגען.

WORLD-RADIO

świat w domu...

Odbiornik radjowy wysokiej jakości. — Niedościgniona wierność reprodukcji. Kryształowa czystość tonu. Odbiór bez anteny i uziemienia.

3 zakresy fal. **3 pentody.**
Ceny przystępne. **Warunki dogodne.**

Zakłady Radjotechniczne
„WORLD-RADIO"
Spółka Komandytowa.

Salon demonstracyjny:
II-ga Aleja 24. Telef. 25-75.
Sklep Optyk-Medical II Aleja 31.

פון „בעלי-מלאכה דתיים".

דאָנערשטאָג ו' חנוכה (דעם 26.12) 8 אָווענד קומט פאַר אין לאָקאַל פון „מזרחי" אַלעע 10 א פייערליכער חנוכה-אָווענד מיט א רייכען פּראָגראַם.

פון בע"ם.

היינט פרייטאג, דעם 20-טען 7.30 אָווענד קומט פאַר אין לאָקאַל פון בע"ם א קעסטעל-אָווענד, געפיהרט דורך א. לענטשנער.

מאָרגען, שבת 3.30 נאָכמיטאג קומט פאַר א דיסקוסיע איבער זשאַבאָטינסקי'ס „הרהורים וועגען ווירטשאַפט" געפיהרט דורך ע. יאַקובאָוויטש. איינגאַנג פריי.

די זעלבסטבעשטייערונגס - אַקציע ווערט אין בע"ם ווייטער פאָרטגעזעצט דורכ'ן מורשה פון קרן-תל-חי ביים בע"ם בצלאל וואָלבערג.

פון ברית החיל.

מאָרגען שבת, דעם 21-טען 3.30 נאָכמיטאָג קומט פאַר אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעזוך פון ד"ר י. שעכטמאַן א דרינגענדע אסיפה אויף וועלכער אלע מיטגלידער מוזען דורכאויס זיין אַנוועזענד.

פון דער יוד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי פועלי-ציון (פער. מיט צ. ס.)

פרייטאג, דעם 20 ד. ח. 7 א זייגער אָווענד קומט פאַר אין באַראַכאָוו-היים נייער מאַרק 2 א קאָלעקטיווע פאָרלעזונג פאַר די סעקציעס און פראָפ. פעראיינען ביי דער פאַרטיי.

שבת, דעם 21 ד. ח. 4.30 נאָכמ. קומט פאַר א מאַסובקע פאַר אלע חברים פון דער פאַרטיי: העובד, פרייהייט, געווידמעט דעם יובל פון דער בעוועגונג.



Spółdzielczy
Bank Handlowo-Przemysłowy
z ogr. odp. Częstochowa N. Rynek 4

ערלעדיגט אַלערליי באַנק - אָפּעראַציעס און האָט בעשטימט אַ ספּעציעלען פאָנד אויף הלוואות פאַר האַנדווערקער און קליינהענדלער

פון יודישען טעאַטער.

(צו די אויפטריטען פון דער אָפּערעטען-טרופּע מיט גיזי היידען, שלמה פריזאַמענט און מיכאל קליין בראש).

עס איז זעהר שווער צו שרייבען א רעצענזיע, ווען די אויפטריטען, זאגאר פון א גוטער טרופּע קומען פאר אין אַזעלכע בעדינגונגען, ווי עס געשעהט ליידער ביי אונז — אָהן דעקאָראַציעס, אָהן ליכט-עפעקטען און יעדעס מאָל, ווען מען וויל מאַכען, אז דער רעפלעקטאָר זאָל וואַרפען ליכט אדער זאָל זיין אויסגעלאָשען מוזען ספּעציעלע מענשען אריינשטעקען די הענט אויף דער ביהנע און ארויסדרעהען אדער אריינדרעהען דאָס ליכט.

אויסערדעם איז נישטאָ קיין הינטער-קוליסען און אויב דער אַקטיאָר וויל זיך איבערטהון, מוז ער לויפען איבער'ן הויף אין דער גאַרדעראָבע אַריין.

נו געה, מוסר דעם אַקטיאָר ביי אזא צושטאַנד. פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, אז דער איצטיגער אַנסאַמבל איז א געקליבענער און איז ווערט א פאַר וואָרימע ווערטער.

מיר האָבען געזעהן ביז-איצט אויפפיהרען צוויי אָפּערעטען: „אין גאָרטען פון ליבע" און „נאַכט-גנבים" און מען קאָן שוין פעסטשטעלען, אַז דער דירעקטאָר ה' אַסס האָט ארום זיך געזאַמעלט בעדייטענדע אַרטיסטישע כחות און צוזאַמענגעשטעלט פון זיי א טרופּע.

גיזי היידען, די פייער-פלאַמענדע סוברעטין, טאַנצט, זינגט און ווערט הייס אַפּלאָדירט. פריזאַמענט איז א קולטורעלער אַקטיאָר און זיינע כאַראַקטער-ראָלען זענען א מייסטער-שטיק. אונזער גוט-בעקאַנטער מיכאל קליין בעהאַנדעלט זיינע ראָלען מיט האַרץ און פיינגעפיהל און אויך זיינע געזאַנג-נומערן זענען פול מיט נשמה. סעם גאָלדבערג איז א פיינער פּאַט-קאָמיק און האט א גוטע צוקונפט אויף די ביהנע-ברעטער. ק. וויינבערג (הערבסט) איז גלענצענד אין זיינע כאַראַקטער-ראָלען און לאָזט איבער א גוטען איינדרוק. אויך די אַרטיסטין האַניגבוים שפּיעלט מיט פערשטענדניס. דאַן די יונגע אַרטיסטינס זאַנדבערג און זאַמין העלפען-מיט צום ערפאָלג. ווען מען וועט נאָך צוגעבען, אַז די מוזיק איז אַ זעהר גוטע וועט מען האָבען א בעגריף, אַז דער אַנסאַמבל איז איינער פון די גאַר-גוטע אָפּערעטען-טרופּעס, וואס מיר האָבען שוין לאַנג נישט געזעהן.

פרייטאַג און שבת ווייַלט נאָך די טרופּע ביי אונז און מיר ראַטען אלע ליבהאַבער פון יודישען טעאַטער צו בעזוכען זייערע פאָרשטעלונגען, וואו זיי וועלען האָבען דעם אמת'ען נחת-רוח.

ס.

א פייערליכער חנוכה-אָווענד מיט דעם אָנטייל פון מיטגליד פון צ. ק. ח' מגר. קרעמער פון ווילנא. עס איז אויך פאַרגעזעהען א גאַנצע רייהע אַטראַקציעס.

חברים און סימפּאַטיקער ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

דער בעזוך פון ח' ווינשטיין פון תל-אביב, איז צוליב נישט פאַראויסגעזעהענע סיבות געוואָרען איבעריקט אויף א צווייטען טערמין. גענויערס וועגען דעם וועלען מיר בעזונדער מעלדען.

דיכטער ליב יפה אין טשענסטאכאוו

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 15-יעהריגען יובל פון „קרן-היסוד" און מיט דער אקציע, וואס הויבט זיך אָן די טעג ביי אונז אין שטאָדט, וועט דער דיכטער ליב יפה, דירעקטאָר פון דער הויפּט-צענטראַלע פון „קרן-היסוד" אין ירושלים, ארויסטרעטען אויף דער אַקאַדעמיע, וואס ווערט איינגעאָרדענט אין זאַל פון קינאָ „לונאַ".

די דאָזיגע אַקאַדעמיע וועט געעפענט ווערען דורכ'ן היגען רב ר' נחום אַש שליט"א.

ווי מיר דערוויסען זיך האט זיך געבילדעט אַנ'אויפנאַהם-קאָמיטעט, מיט וועלכען עס פיהרט אָן דער ספּעציעל-דעלעגיטער פון „קרן-היסוד" הויפּט-ביוראָ ה' בראָם.

פערזענליכעס.

טשעסלאָוואַ מיץ, אַ טאָכטער פון היגען בעקאַנטען בעל-הבית איזידאָר מיץ האט געענדיגט דעם מעדיצינישען פּאַקולטעט אין ברין (טשעכאָסלאָוואַקיי) און בעקומען דעם טיטול ד"ר מעדיצין.

בּרית הציונים הרביזיוניסטים בּפולניה, סניף בּצ'נסטוחובה
זונטאָג, ד. 22 דעצעמבער ד. י. 9 אָווענד
אין פייערלעשער-זאַל קומט פאַר אַ רעפעראַט
פון פאַריז דר. יוסף שעכטמאַן
מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון נ. צ. א.,
דיר. ז. לערנער און דיר. קלערער
אדט.: „אויף בייטע וועגען".
בּילעטען-פאָרפערקויף אין בית"ר (אַלעע 40), הצה"ר (אַלעע 12) אין דער קאַסע פון 8 אָווענד.

טראַדיציאָנעלער פאַמיליען-אָווענד פון שניידער-צעך.

די הילפס-קאַסע ביים יודישען שניידער-צעך אָרדענט איין שבת, דעם 28-טען ד. ח. דעם טראַדיציאָנעלען פאַמיליען-אָווענד מיט א זעהר אינטערעסאַנטען פּראָגראַם.

די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר דער הילפס-קאַסע ביים שניידער-צעך.

פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בעפאָרשטעהענדער לאַנדעס-קאָנפערענץ, דאַרפען אלע חברים-ות זיך איבערקלאַרירען ביז דעם 31-טען ד. מ. די אַלע, וועלכע וועלען זיך נישט ביז דעם אויבענדערמאנטען טערמין איבערקלאַרירען וועלען נישט ווערען בעטראַכט אלס מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציע.

אין די נאָהנטסטע טעג קומט שוין פאַר די ערשטע לעקציע פון די ענגלישע קורסען פאַר אָנפאַנגער. איינשרייבונגען ווערען נאָך אָנגענומען יעדען טאג פון 8 ביז 10 אָווענד אין סעקרעטאַריאַט. פרייזען צוגענגליכע.

היינט, פרייטאג 8 אָווענד קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל א קאָלעקטיווער חברים-שמועס אָנגעפיהרט דורך דעם ח' רוזשעוויץ.

מאָרגען, שבת 8 אָווענד קומט פאַר

גריפּע

פערקיהלונגען, רעאומאַטיזם, אַרטרעטיזם, פּאָדאגרע מאַטערן ווינטער כמעט אלע מענשען. ביי דיעזע שמערצליכע ליידן בענוצט מען טאַגאַל-טאַבלעטקעס, וועלכע ברענגען א פערלייכטערונג די וועהטאָגען. פרייז 1.50 זל.

Togal

ביליג! ביליג!

בעקאַנטמאַכונג

צופּאַסענדיג זיך צו דער איצטיגער צייט, ווען פּראָדוקטען פון ערשטען געברויך זענען ביליגער געוואָרען, האָבען מיר אויך באַשלאָסען אַגהויבענדיג פון היינט, זונטאַג, דעם 15-טען ד. ח. אַלע אונזערע אויסאַרבייטונגען פון אַלערליי וואורשטען, געריכערטע פליישען צו פערקויפען צו בעדייטענד ביליגע פּרייזען.

גלייכצייטיג גאַראַנטירען מיר פאַר דער נאַטורעלער און רעעלער אויס-אַרבייטונג פון אונזערע סחורות.

מיט אַכטונג

א. אַבּראַמאָוויטש

אַלעע 4 און אַלעע 28.

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.

בעקאַנטמאַכונג.

צוליעב די רדיפות אויף יודען, זייענדיג געצווינגען צו פערלאָזען דייטשלאַנד, האָבען מיר זיך צוריק בעזעצט אין אונזער געבורטס-שטאָדט

טשענסטאָכאָוו, בערקאַ יאָסעלעוויטשאָ 1 וואָרונג 12 אין הויף

וואו מיר גיבען ארויס געשמאַקע היימישע

מיטאָגען

צו זעהר ביליגע פּרייזען.

מיט אכטונג

ס. אַלטמאַן, ב. יאָסעלעוויטשא 1.

טעאַטער **„אַטלאַנטיק"**

גאַסטשפּילען פון די בעוואוסטע ליעבלינגס אַרטיסטען

גיזי היידען און שלמה פּריזאַמענט

מיט'ן אנטייל פונ'ם אַרטיסט **מיכאַל קליין**

פרייטאַג, ד. 20 ד. ח. 9-30 אָוועגד פּרעמיערע!

„א מויד א ברען"

פאַרס אין 3 אַקטען 2 בילדער פון ד. ספּיוואַק.

שבת ד. 21-טען

גרויסער פּאָפּולערער פרימאָרגען 11-30 פריה

פּרייזען 0.50 גר.' 0,70 גר. 1.10 גר.

„אין גאַרטען פון ליבע".

שבת, דעם 21 ד.ח. 9-30 אָוועגר

„נאַכט גנבים".

אָנפיהרונג: ב. אַסס סופליאָר: ש. מאַנדעל

בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באָטשאַן און אין קאַסע פון טעאַטער.

אַנסאַמבל:

גיזי היידען — פּלאַם - פּייערדיגע סוברעטין

שלמה פּריזאַמענט — כאַראַקטער - אַרטיסט

מיכאַל קליין — אַרטיסט און זינגער

סעם גאָלדבערג — זינגענדיגער, טאַנצענדיגער פייפענדיגער פאָט-קאָמיקער

קאַרל הערבסט — כאַראַקטער-אַרטיסט

זאָמין ראַיע — יונגע סוברעטין

לעצטע גאַסטשפּילען

אַנסאַמבל:

האָניגבוים פישעל — פּאַטער.ראַליסט

רעגינאַ גראָס — מוטער-ראַליסטין

פּאָזנאַנסקאַ שרה — גראַנדאַם

ספּיוואַק דוד — אַרטיסט און מחבר

האָניגבוים לאה — גראַנדאַם

סאַנדלער רעניא — יונגע סוברעטין

WEZWANIE

W związku z oszczerstwem podanem w różnych czasopismach przez Lejba Rotnera i Dawida Goldbacha, wzywam wspomnianych autorów do odwołania w przeciągu 8 dni rzeczonego oświadczenia, względnie podania rzeczywistej prawdy.

W przeciwnym wypadku zastrzegam sobie prawo wyciągnięcia z tego właściwych konsekwencji prawnych.

Juljan Szaja.

צו אַלע אַלמנות פון האַנדווערקער.

מיר מעלדען, אַז די אַלע פרויען וואס זענען געבליבען אלמנות נאָך זייערע מענער, וואס זענען געווען האַנד-ווערקער און האבען בעזיצט האַנדווער-קער-קאַרטען, ראַפען זיך אין זייער אייגענעם אינטערעס ווענדען אין סעק-רעטאַריאַט פון האַנדווערקער-פער-באַנד.

די פערוואַלטונג.

פאַרבערייַ און כעמישע וועשעריי „BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַן'אבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע - שולע אין ווארשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פּרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

דער אורטייל אין פּראָצעס וועגען מאָרד איבער יוזעף קלושניאַק.

פערג. מיטוואָך איז פאָרגעקומען דער המשך פון פּראָצעס פון די ברידער ראָזענטאַל און פּרעפּעליצקי וועגען מאָרד איבער יוזעף קלושניאַק.

נאָכדעם ווי עס ווערט אויסגעהערט דער אַרויסגערופענער עדות יאַשינסקי, וועלכער דערצעהלט גוזמאות וועגען דעם אופן פון מאָרד, הויבען אָן רעדען די צדדים.

פּראָקוראָר יאָזשעמבינסקי פאָדערט צו בעשטראָפען אַלע בעשולדיגטע. דאַן רעדען די פערטיידינער אַדוו. זזובינסקי און אַדוו. יאָאַכים מאַרקאָוויטש, וועלכע בעלויכטען דעם גאַנצען פערלויף פון די געשעהענישען און די סיבות פון מאָרד, איבערהויפּט האַט אַדוו. מאַרקאָוויטש כאַראַקטעריזירט דעם ערמאָרדעטען אַלס אַוואַנטוריסט, וועלכער האַט אַנגעוואָרפען אויף אַלעמען א פּחד, צוגעבענדיג, אַז די צוויי ברידער ראָזענטאַל האָבען איהם ערמאָרדעט אין פערטיידיגונג פון זייער אייגען לעבען, דאַגעגען פאָדערן זיי צו בעפרייען מאָנטשע ראָזענטאַל.

נאָכדעם ווי עס רעדט נאָך אַדוו. פּאָטשאַרקאָווסקי, וועלכער פאָדערט צו בעפרייען יוסף פּרעפּעליצקי'ן, גיט דאס געריכט אַרויס נאָך א קורצער בעראַטונג פאָלגענדען אורטייל: זלמן ראָזענ-טאַל בעקומט 8 יאָהר תפיסה, לייב ראָזענטאַל — 4 יאָהר תפיסה. מאָנטשע ראָזענטאַל און יוסף פּרעפּעליצקי ווערען בעפרייט.

פון קרן-תל-חי-קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו.

צופּאַסענדיג זיך צו די אָנווייזונגען פון דירעקטאָריום פון קרן תל-חי אין פּאַריז איז ביי אונז געשאַפען געוואָרען א קאָמיטעט, אין וועלכען עס זענען פערטרעטען אַלע אָרגאַניזאַציעס פון ז. צ. א., ווי: הצה"ר, בית"ר, החיל, ב"עס. אויף דער ערשטער זיצונג איז געוואָרען אויסגעוועהלט א סעקרעטאַר-יאַט, וועלכער איז געוואָרען בעאויפ-טראַגט אדורכצופיהרען די אַלע נויטיגע צוגרייטונגען צום בעזוך פון חבר שעכט-מאַן און צוגרייטען די ליסטע פון די פאָראיצהריגע דעקלאַראַנטען.

מיטוואָך איז פאָרגעקומען א זיצונג פון אַלע ועדים און דער געשאַפענער סעקרעטאַריאַט האַט אָבגעגעבען א בע-ריכט פון זייער טעטיגקייט און אויך מיטגעטיילט, אַז עס וועט פאָרקומען א באַנקעט מיט דער בעטייליגונג פון די חברים ד"ר שעכטמאַן, דיר. ז. לערנער, דיר. קלערער אין זאַל פון די האַנדווער-קער, אַלעע 12.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצוהוי-בען די אַקציע באַלד זונטאַג מיט דער בעטייליגונג פון די ח' געסט.

די זעלבסט-בעשטייערונג ביי אונז אין שטאָדט ווערט ליקווידירט דעם 20 ד.ח. אַלע אָרגאַניזאַציעס ווערען אויפ-געפאָדערט צו ערלעדיגען דעם ענין.

אַלע גרייטען זיך צום חנוכה-קאָנצערט אין „מכבי"-זאַל.

ווי מיר האָבען שוין געמאַלדען, ווערט די צווייטע וואָך שבת-צו-נאַכט איינגע-אָרדענט א גראַנדיעזער חנוכה-קאָנצערט אין זאַל פון „מכבי" מיט'ן אָנטייל פון בעוואוסטען אָבערקאַנטאָר ה' אליעזר פינקעלשטיין, וועלכער וועט אויספיהרען א הערליכען פּראָגראַם פון זיין רייכען רעפּערטואַר.

די גאַנצע הכנסה איז בעשטימט פאַר דער גמילת-חסד-קאַסע, אַגראַדאָווא 6.

עס איז דעריבער נישט קיין ספק, אַז אַלע בילעטען וועלען זיין אויספערקויפט ביז'ן לעצטען פּלאַץ.

פון דער שוהל „אוהל יעקב"

היינט, פרייטאַג צו קבלת שבת און מאָרגען שבת חנוכה וועט אין דער שוהל „אוהל יעקב" דאַווענען דער יונ-גער חזן אברהם סרעברניק, א זוהן פון פערשטאָרבענעם חזן פון דער זעלבער שוהל, יהושיע'לע סרעברניק ז"ל.

פון זש. ט. ק.

אין אָנהויב יאַנואַר ווערען ערעפענט קורסען פון דער ענגלישער שפּראַך און ראַדיאָ-טעכניק פאַר אָנפאַנגער. חודש-אָבצאָהל 3 זל.

ביי גינסטיגע אַטמאָספערישע בעדינ-גונגען ווערען יעדען זונטאַג איינגעאָר-דענט סקי-אויספלוגען.

איינשרייבונגען אין סעקרעטאַריאַט (2-טע אַלעע 20) פון האַלב 9 ביז האַלב 10 אָוועגד.

Kino „LUNA"

ספּעקטאַקל פון 10.000 וואונדער

Wonder Bar

מיט די גרעסטע סטאַרען:

דאָלאָרעס דעל ריאָ, אַל. דזשאָלסאָן, קעי פרענס'ס, ריקאַרדא קאָרטעז, דיק פּאַועל א. א.

אויסער'ן פּראָגראַם:

NIECH ŻYJĄ WROTKI

שבת און זונטאַג האַלב 1 פריהמאָרגען-פאָרשטעלונג פון פילם „מאַסקאַראַדע".

KINO „EDEN".

די בעריהמטע אַמעריקאַנער פילם-שטערן

קעי פראַנסיס

אין מעכטיגען דראַמאַ

NIEWOLNICA z MANDALAY

טראַגעדיע פון א יונגער רוסישער פרוי.

אויסער'ן פּראָגראַם:

אַקטואַליען פון דער גאַנצער וועלט.

וואו איז אויסגעפערטיגט געוואָרען דער פאָהן פון דער פּאָווישעכנע שולע נר. 13?

א בריעף אין רעדאַקציע

מיט 10 חדשים צוריק איז צו מיר געקומען פּר"ל שאָכער, די לייטערין פון דער פּאָווישעכנע-שולע 13 בעשטע-לען א פאָהן פאַר דער שולע. געוועהנ-ליך האָב איך איהר געוויזען פערשי-דענע צייכנונגען און מיר האָבען בע-שטימט, אַז דריי פיערטעל זאָל זיין האַנד-אַרבייט און איין פיערטעל מאַשין אַרבייט. פאַר דער דאָזיגער אויספערטי-גונג האָב איך אויפגעגעבען א פּרייז פון 600 זלאָטעס. פּר"ל שאָכער האַט דאַן ערקלערט, אַז זי וועט זיך נאָך בעראָ-טען מיט איהר פערוואַלטונג, ווייל זי טראַכט נאָך אפשר צו מאַכען אינגאַנ-צען האַנד-אַרבייט. ווי איך האָב גע-הערט האַט זי אויך אַנדערע היגע שטיקערייען-פּאַכלייט פון די בראַנזשע פּערדרעהט דעם קאָפּ.

פּלוצלינג ווערען מיר געוואויר, אַז דער פאָהן איז כלומר'שט אויסגעפער-טיגט געוואָרען אין ווארשא.

ווער עס האַט איהם פאַקטיש געמאַכט און וואו ער איז אויסגעפערטיגט גע-וואָרען וויל איך איצט צוליעב פערשטענ-דליכע טעמים נישט בעריהרען...

דאַן האַט מען געפייערט, געקלאַפּט נעגעל, געריהמט די פּר"ל שאָכער מיט איהר פערוואַלטונג פאַר איהר גרויסען טהאַט...

פאַר וואס אַלזאָ האַט מען בעליידיגט די היגע יודישע פאַכלייט פון דער שטיקעריי-בראַנזשע און דערצו נאָך בעצאַהלט מיט שעהנע הונדערטער מעהר פון גראָשענס, וואס איז צו-נויפגעזאַמעלט געוואָרען פון אָרימע יודישע קינדער.

ווי קאָן מען דאס אָנרופען הפקירות אָדער מה יפית.

איך בין גרייט צו בעלייגען 200 זל. אין רעדאַקציע פאַר אָרימע אויב פּר"ל. שאָכער וועט קאָנען בעווייזען, וואס עס האַט איהר בעוואויגען צו בעגעהן אַזאַ אונערהערטען טהאַט.

מיט אכטונג

מרדכי פייגענבלאַט.

דריי צו 100 טויזענד און דריי צו 50 טויזענד זל.

דער לעצטער טאָג פון דער ציהונג פון דער 3-טער קלאַס האַט זיך אויסגע-צייכענט מיט דער גרויסער צאָהל פון גרויסע געווינסען.

צו 100.000 זל. האָבען געוואונען די נומערן: 74.130, וועלכער איז דאס איי-גענטום פון די ה"ה: מ. ל., וועלכער וואוינט אויף פּראַגע, ב. ז. פון בראָ-וואַרנע גאַס, פרוי ס. פון זשאַליבאָזש און ש. פון ראָוונע; 29.622, וועלכער איז פערקויפט געוואָרען אין גרודזיאַנדז די פרויען: ד. פ., ק. י., ס. מ. און דעם ה' ק.; און לסוף — 97.656, וועלכער איז געקויפט געוואָרען אין גאַנצען דורך ל. י. פון בילגאַראַי.

צוויי מאָל צו 50 טויזענד זל. האָבען געוואונען די קראַקאַווער איינוואוינער אויף די נומערן: 70.545 און 30.896, די ה"ה: פּר. נ., צ. ב., ד. ר., מ. ב. און י. ד., ווי אויך וו. ק. און ק. ט. פון וואַל-בראָם.

די 3-טע 50 טויזענד זל. איז געפאַ-לען אויפ'ן נומער 42.930, וועלכער איז דאס אייגענטום פון איינוואוינער פון לובלינער געגענד, די ה"ה: מ. י. פון פּאַיטלאָוויץ, פ. ס. פון באַראַנאָוו, ס. או. פון זשאַרנאָוו און ס. ב. פון לובלין.

מיט די געווינסען צו 20 טויזענד זל., וועלכע זענען געפאַלען אויף די נומערן: 98.885, 31.412 און 171.438 וועלען זיך טיילען די איינוואוינער פון ווארשא, לעמבערג און לאָדז. דאס טעגליכע גע-ווינס פון 25 טויזענד זל. געהערט צו די ווארשאווער איינוואוינער, צו די בעזיצערס פון נום. 78.190.

דעם קומענדיגען פרייטאַג וועט פאָר-קומען די חנוכה-ציהונג. די געווינסען וועלען בעקומען די בעזיצערס פון די ענטשפּרעכענדע נומערן פון דער 4-טער קלאַס פון דער 33-טער מלוכה-לאָטעריע.

8-טונג האַנדווערקער!

דער סעקרעטאַריאַט קויפט אויס פּאַטענטען פאַר'ן יאָהר 1936.

ביים אויספיהלען די דעקלאַראַציע דאַרף יעדער מיטברענגען די האַנדווער-קער קאַרטע. די פערוואַלטונג.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6